STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02993

ZIKHROYNES VEGN DER NAYER YIDISHER SHUL

Sh. Hurvits-Zalkes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ-זאלקעס

זיכרונות וועגן דער נייער יידישער שול

פאַרלאַג ר. י. נאָוואַק
ניו-יאָרק, 1950

S. HURWITZ

Zechroines vegn der naier yiddisher shul

Copyright, 1950
By S. HURWITZ

Printed in U.S.A.

Grenich Printing Corp.
New York, N. Y.
(166)

דעם דאָקטאָר הענריק גאָלדשמיד (יאַנוש קאָרטשאַק), וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן זיך געהייליקט, מוסר־נפש געווען פאַרן יידישן קינד, און איז פרייוויליק אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן צוזאַמען מיט די קינדער פון יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע גאַס.

לזיכרון

דער לערער דוד

מיט זיבעצן קאָפּיקעס אין קעשענע איז דוד אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. געקומען איז ער פון פּעטערבורגער וואָקזאַל. דאָס געלט איז ניט גענוג געווען אויף אַ דראָזשקע, האָט ער מיטן שווערן וואַליז געשלעפּט זיך איבערן פּראַגער בריק אין שטאָט אַריין. געקומען איז ער אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, דזיעלנע 31, אַ טויט יידער, אַן אויסגעשעפּטער. געקלונגען אין אַ סך דירות אויפן הויף, נאָכגעפרעגט זיך אויף דעם חבר זיינעם פונעם קליינעם שטעטל אין וויטעבסקער געגנט. דעם ווייסרוסישן יידיש זיינעם האָבן ניט אַלע פאַרשטאַנען. האָט מען אים שנעל אָפּגעפּטרט מיטן: „אינדז וויסן מיר ניש״.

איז דוד געבליבן שטיין אין מיטן הויף אַ פאַרצווייפלטער, ניט געוואוסט, וואוהין צו קערן זיך, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. דאָ איז צו אים צוגעקומען זייער אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, גענומען אים אויספרעגן, ווער ער, וועמען זוכט ער, וואָס האָט אים געבראַכט קיין וואַרשע? און ווען דער יונגערמאַן מיטן גוטן, אָפענעם פּנים האָט זיך דערוואוסט פון זיין נויט און הילפלאָזיקייט האָט ער דודן פאַרגעלייגט צו פאַרנעמען דעם ליידיקן צימער אין זיין אָרעמער דירה אויפן דריטן שטאָק: „דערווייל וועט איר זיין מיין גאַסט, און אַז

איר וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן, וועט איר מיר אָנהייבן צאָלן דירה־געלט״.

געהאָלפן אַרויפטראָגן דעם וואַליז אויפן דריטן שטאָק, האָט אים דער יונגערמאַן אַריינגעפירט אין דעם האַלב טונקעלן צימער, געהאָלפן אים מאַכן דאָס געלעגער אויף דעם אייזערנעם בעטל, מכבד געווען מיט צובייסן און אַ גלאָז קאַווע.

— פאַרלירט ניט דעם בטחון, האָט אים דער יונגערמאַן דער־מוטיקט; איך זע דאָך, אַז איר קענט לערנען, דערצו נאָך דורכגעמאַכט קלאַסן, יונג זייט איר, איר וועט זיך דורכשלאָגן אַ וועג.

דוד האָט צעעפנט דעם וואַליז, צעלייגט די ביכער אויפן טיש, אויפגעהאַנגען דעם תפילין־זעקל אויפן וואַנט, אויבן־אָן האָט ער אַוועקגעלייגט דעם „תניא״. דעם טאַטן זיינעם, דעם פייערדיקן חסיד, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט יעדן טאָג דאַווענען און וועט אַריינקוקן אין „תניא״.

לאַנגע וואָכן האָט דוד ממש געהונגערט. אַ זעמל, אַ גלאָז טיי פלעגט אים פון צייט צו צייט אַריינטראָגן די באַלעבאָסטע. פלעגט דוד כסדר וואַנדערן איבער די רוישיקע וואַרשעווער גאַסן: נאַלעווקי, גענשע, דזשיקע, פּשעיאַזד, פּאַוויע, דזיעלנע און ווייטער אויף דעם טייל גענשע, וואָס פירט צום יידישן בית־עולם.

געבליבן איז אים אין זכרון דער לאַנגער הויף אויף גענשע 13. דאָרט איז געווען אַ חסידיש שטיבל, חדרים. פלעגט ער מיט די צע־קרימטע טרעפּ אַרויפקלעטערן אויפן אייבערשטן שטאָק, וואו ס׳האָט געלערנט גמרא מיט אַ צענדליק יינגלעך אַן עלטערער ייד, אַ למדן, אַ קאָצקער חסיד, וואָס פלעגט דודן מיט יוגנטלעכן ברען דערציילן וואונדער פון דעם רבין, דעם גדול־בישראל, וואָס צו אים איז גאָר קיין גלייכן ניט געווען!

אונטן איז געווען אַ דרדקי חדר, צוויי גרויסע האַלב פינצטערע שטובן אָנגעפּאַקט מיט קינדער. ליבע יידישע פּנימלעך מיט לאַנגע פּאות, אַרבע־כנפותן איבער די שפּענצערלעך. די באַהעלפערס מיט

די קאַנטשיקעס אין די הענט פלעגן „צוגרייטן" די תלמידים, אַרײַנ־שיקן זיי צום רבין אין צווייטן שטוב, אויסהערן די איינגעחזרטע עברי.

דודן פלעגט פאַרקלעמען דאָס האַרץ. דער גורל פון פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד האָט דערדריקט. אַנשטאָט שפיל און געזאַנג — די פינצ־טערע שטובן מיט די בייזע באַהעלפערס און מיט דעם פאַרחושכטן פנים פונעם רבין. ער וואָלט גערן צונויפגענומען אַלע קינדער פון סמאַטשע און וואָלינסקע, פון מילע און מוראַנאָוו, פון דזשיקע און סטאַווקי, פון קראָכמאַלנע און גזשיבאָוו, די טויזנטער און טויזנטער פון די חושכדיקע הויפן, וואוהין אַ זונשטראַל דערגרייכט קיין מאָל ניט; קינ־דער, וואָס האָבן אַפילו קיין מאָל אין זייער לעבן קיין בלום ניט געזען. ער וואָלט אויפריכטן זייער לעבן אין אַ סביבה פון קינדערשער פרייד, געזאַנג און שפיל.

אַזוי האָט דוד געחלומט און געהונגערט, וואַנדערנדיק איבער די רוישיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע.

דער שטורעם- און דראַנג-פּעריאָד

דאָס איז געווען אין באַגינען פון איצטיקן יאָרהונדערט. וואַרשע איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין אייראָפּע. אַהער האָבן זיך געצויגן יידן ניט נאָר פון גאַנץ פוילן, נאָר אויך פון גרויסן רוסלאַנד, פון ליטע, ווייסרוסלאַנד, וואָלין, פּאָדאָליע, בעסאַראַביע. צוזאַמען מיט סוחרים, קאָמיסיאָנערן־פּאַרמיטלערס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע פלעגן אָנקומען הונדערטער יידן־אינטעליגענטן, לערערס, עקסטערנס, וואָס האָבן געזוכט אַ תכלית אין לעבן.

אַרום און אַרום האָט געשפּרודלט אַ רייך פּילפאַרביק יידיש לעבן, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון אַ טיף איינגעוואָרצלט לעבן, באַזירט אויף טויזנטיעריקער, גייסטיק רעליגיעזער טראַדיציע. ווען שבת איז געקומען, האָט זיך אַ יום־טובדיקע מנוחה פאַרשפּרייט איבער די שטענדיק רוישיקע גאַסן. די געוועלבער פאַרהאַקט, פאַרריגלט, די בענטשליכט פינקלען אַרויס פון טויזנטער פענצטער. יידן אויס־געפּוצט אין שבתדיקע מלבושים איילן זיך צו קבלת־שבת אין די חסידישע שטיבלעך, בתי־מדרשים. און שבת ביי טאָג נאָכן דאַווענען זעט איר מחנות חסידישע יידן אויף פראַנצישקאַנסקע און דזשיקע, מילע און מוראַנאָוו, טוואַרדע און גזשיבאָוו מיט לויטערע, אויסגערוטע פּנימער שפּאַצירן זיך בנעימותדיק אַהיים מיט די שטריימלעך אויף די קעפּ.

ביסלעכווייז האָבן די נייע שטרעמונגען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, גענומען משפּיע זיין דאָס לעבן אויך פון פּוילישן יידנטום ניט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אין דער פּוילישער פּראָווינץ. איר האָט שוין דעמאָלט געקענט טרעפן אין די יוגנט־קרייזן חסידישע יונגעלייט פון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן פּורץ־גדר געווען, אַראָפּגעוואָרפן די לאַנגע מלבושים, פאַרבערנט הינטער זיך אַלע בריקן, צוזאַמען מיט די „ליטוואַקעס" נאָכגעפאָלגט דעם רוף פון לעבן.

איר האָט זיי געקענט באַגעגענען אומעטום: אין די ציוניסטישע יוגנט־קרייזן, אין די קרייזן פון יידישן אַרבעטער־„בונד", אין די גע־ציילטע לעגאַלע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען דעמאָלט טעטיק געווען אויף דער יידישער גאַס, ווי די לערער־געזעלשאַפט.

אַרום דער לערער־געזעלשאַפט, אויף קאַרמעליצקע 17, האָבן זיך דעמאָלט גרופּירט עטלעכע הונדערט מיטגלידער פון די פאַרשיידענע פּריוואַטע שולן, תלמוד־תורות און שולן פון דער יידישער גמינע, העברעאישע שולן און חדרים־מתוקנים, העברעאישע לערערס, וואָס פלעגן געבן פּריוואַטע לעקציעס, און אַפילו די גאָר „געהויבענע" לע־רערס פון „זאַקאַן באָזשי" אין די רוסישע גימנאַזיעס בראש מיטן רירעוודיקן מאירקע ראַבינאָוויץ, דעם פּראָטאָטיפּ פון אַ יידישן „אַקאַקי אַקאַקעוויטש".

קיין גרויסע זאַכן האָט די לערער־געזעלשאַפט ניט געקענט אויפ־טאָן. זי איז געשטאַנען אונטערן אויפזיכט פון דער רוסישער שול־אינספּעקציע, וואָס פלעגט שיקן אַן אויפזעער אויף אַלע אירע באַראַ־טונגען און פאַרזאַמלונגען, עס זאָל זיך, חלילה, די „קראַממאַלע" אַהין ניט אַריינכאַפּן, און אַז די באַראַטונגען זאָלן זיך פירן אויף רוסיש. האָט מען טאַקע אויף די אַלע פאַרזאַמלונגען מער געשוויגן און אַ מאָל געדרימלט.

דערפאַר אָבער האָט די לערער־געזעלשאַפט פאַרמאָגט אַ לייען־זאַל און אַן אויסגעצייכנטע ביבליאָטעק, כמעט די איינציקע סאָלידע ביבליאָטעק אין שטאָט, וואָס פלעגט אַרויסגעבן ביכער אַהיים פריי.

דעמאָלט, ערב דעם שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד אין יידישן לעבן, ווען די אידעאָלאָגיעס פון די פאַרשיידענע באַוועגונגען האָבן זיך געהאַלטן אין פאָרמירן, פלעגן כסדר פאָרקומען היציקע וויכוחים אומעטום, וואו די יידישע יוגנט, יידישע אינטעליגענץ פלעגט זיך טרעפן.

דער לייענזאַל פלעגט שטענדיק זיין געפּאַקט מיט לייענערס פון צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. די דעבאַטעס פלעגן זיך אַריבער־טראָגן אין גרויסן זאַל. שטענדיק האָט זיך געפונען עמעצער, וואָס פלעגט אַכטונג געבן, אַז קיין ניט־געבעטענע אורחים זאָלן זיך אַהין ניט אַריינכאַפּן. געווייינטלעך פלעגן אין די וויכוחים אַנטייל נעמען אָנהענגערס פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן: ציוניסטן, בונדיסטן, טעריטאָריאַליסטן. אַפילו יידישע פּע־פּע־עסאָווצעס האָט די לערער־געזעלשאַפט פאַרמאָגט.

דעם וויכטיקסטן אָרט אין די כסדרדיקע וויכוחים האָבן פאַרנומען פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָבלעמען: העברעאיש־יידיש, גלות און ארץ־ישראל, קיום־האומה, דער פּאָליטישער ציוניזם און אחד־העמס טעאָריע וועגן אַ מרכז־רוחני אין ארץ־ישראל, די מאַרקסיסטישע טעאָריע און די סאָציאַלע רעוואָלוציע, סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלע קולטור וכדומה.

צווישן די העברעאישע לערערס זיינען געווען אַ היפּש ביסל פאַר־ביסענע שונאים פון יידישן לשון. ניט יידיש, נאָר זשאַרגאָן, — אַ מין ציגיינער־לשון, וואָס מע דאַרף פון אים פּטור ווערן. דער גלות, — האָבן זיי געטענהט, — האָט דעגראַדירט דעם יידישן יחיד און דעם יידישן כלל. כל־זמן מיר לעבן אין גלות קענען מיר בשום אופן ניט מתקן זיין אונדזער גייסטיק לעבן, שטענדיק זיך מוזן באַנוגענען מיט די ברעקלעך און פּיצלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די רייכע טישן פון די קולטורעלע נאַציעס. אויב מע וועט אונדז ניט אויסראַטן פיזיש, וועלן מיר פירן אַ שפּלדיק לעבן פון גייסטיקע פּאַריעס אָן אַ לשון,

אַן אַ קולטור, פֿאַרהאַסט און פֿאַראַכט פֿון אַלעמען. אַנשי בלי־שם, אַ ציגיינער־פֿאָלק.

די דאָזיקע עקסטרעמע העברעאיסטן זיינען געווען אַ קליינע מינדערהייט. אַפֿילו צווישן די העברעאיסטן זיינען געווען אַ סך אינטעליגענטע לערערס מיט אַ סך יידישן וויסן, ווי דער ליבער און באַשיידענער דובניקאָוו, (אומגעקומען בעת די אומרוען אין 1929 יאָר, אין ארץ־ישראל) וואָס פֿלעגן שאַרף אַרויסטרעטן קעגן די פֿאַרלוימדער פֿון יידישן לעבן און יידישן לשון.

היתכן, — פֿלעגן זיי טענהן, — עס געפֿינען זיך דאָך אויפֿן איי־ראָפּעאישן קאָנטינענט מיליאָנען יידן, וואָס לעבן זיך אויס אין יידיש. יידיש איז דאָך געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון די אינטימסטע רע־ליגיעז גייסטיקע עמאָציעס פֿון אונדזער פֿאָלק. נעמט אַוועק פֿון אונדזערע מאַמעס דעם צאינה־וראינה — איז מיט וואָס וועלן זיי בלייבן? נעמט אַוועק דעם יידישן לשון פֿון מיליאָנען יידן אין פּוילן, ליטע, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, בעסאַראַביע, — איז מיט וואָס וועט איר פֿאַרבייטן דעם האַרציקן יידיש, וואָס באַגלייט און פֿילט אויס דאָס לעבן פֿון מיליאָנען אין דער היים, חדר און ישיבה, בית־מדרש און קלויז, שבת און יום־טוב, אין פֿריידן און ליידן. יידיש קען באמת ווערן דער וויכטיקסטער אינסטרומענט אין דער גייסטיקער דערהייבונג פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן. זעט איר דען ניט, אַז דאָרטן, וואו ס׳פֿאַרשווינדט יידיש, פֿאַרשווינדט כמעט יעדע מעגלעכקייט פֿון אַ יידיש לעבן? זעט וואָס ס׳קומט פֿאָר אין די קרייזן פֿון דער יידישער אַסימילאַציע אין פּוילן. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן מיט מבטל מאַכן יידיש, פֿאַרמיאוסן די פֿאָלקשפּראַך — און זעט, וואוהין זיי גייען אַוועק! איר, פֿאַרביסענע העברעאיסטן, העלפֿט אומדירעקט דער אַסימילאַציע צו פֿאַרפֿעסטיקן זייער השפּעה אויף דער יידישער אינטעליגענץ.

אייער מבטל מאַכן און פֿאַרמיאוסן דעם גלות זיינען ממש לע־כערלעך. דער תלמוד־בבלי, וואָס האָט פֿאַרמירט דאָס יידיש גייסטיק

לעבן אין פֿאַרלויף פֿון הונדערטער יאָרן און איז נאָך עד־היום משפּיע אונדזער לעבן, איז געשאַפֿן געוואָרן מחוץ־לארץ, אין בבל; די תּקופֿת־הגאונים, וואָס האָט אַזוי פֿיל פֿאַרפֿעסטיקט און באַרייכערט די גייסטיק רעליגיעזע יידישע טראַדיציע, איז אַ מחוץ־לארצדיקע; יהודה הלוי און דער רמב״ם, רש״י, די בעלי־התּוספֿות, די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט אַ נייעם שטראָם לעבן אַריינגעגאָסן אין מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און האָט אונדז געגעבן אַזוינע ליכטיקע געשטאַלטן, ווי דעם בעל־שם, דעם בערדיטשעווער, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דעם בעל־התּניא, — זיי אַלע האָבן געלעבט און געווירקט אין דעם „פֿאַרהאַסטן״ גלות. כּמעט אַלץ, מיט וואָס אונדזער גייסטיק לעבן אָטעמט, און וואָס איז נאָך עד־היום משפּיע דאָס יידישע לעבן אַפֿילו אין ארץ־ישׂראל, קומט מחוץ־לארץ, פֿון גלות.

— —

עס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכּרון די פֿאַרזאַמלונגען, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין ליובאַשיצקיס העברעאישער שול, אויף נאַוואָליפּיע 15. יעדן שבת נאָך מיטאָג פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אַ 40־30 מענטשן. די וויכּוחים פֿלעגן זיך פֿאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער „סטרוזש״ פֿלעגט באַקומען יעדע וואָך לא־יחרץ־געלט. ליובאַשיצקי אַליין, אַ באַקאַנטער העברעאישער פּאָעט, איז געווען טע־ריטאָריאַליסטיש געשטימט. די פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגט אָרגאַניזירן אַן איינזאַמער און עלנטער העברעאישער לערער, האַלענדער, שפּעטער האָט ער זיך דערנענטערט צום „בונד״.

אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָט מען זיך פֿאַרנומען בלויז מיט קול־טור־פֿראַגן. יעדער לעקטאָר פֿלעגט זיך גוט צוגרייטן צו דער אָנ־געצייכנטער טעמע, וואָס פֿלעגט אַנאָנסירט ווערן מיט צוויי וואָכן פֿאָרויס, כּדי דער ענין זאָל גרינטלעך קענען אויסגעשעפּט ווערן אין די וויכּוחים.

די טערמינען: יידישיזם, יידישיסטן, וועלטלעכקייט און וועלט־לעכע שולן, זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען בנמצא. זיי זיינען אויפֿגעקומען אַ סך שפּעטער, אין דער צייט, ווען דער אימפּעט פֿון דער

סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן און דער צענטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די „הזמירס״, „האַרפעס״, די פאַראייגען פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע וכדומה.

אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט דער אויבן דערמאָנטער לערער דוד, דעמאָלט שוין אַ סטודענט פון היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער פּראָגראַם פון אַ יידישער פאָלקשול.

איך בין טיילווייז געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון דעם רע־פעראַט. אָבער איך בין נשתומם געוואָרן פון דער ערנסטקייט פון דער אַרבעט. פאַר יענער צייט, ווען די אידעע פון אַ יידישער שול האָט גענומען שטעלן אירע ערשטע טריט, איז דאָס געווען אַ גרויסע דער־גרייכונג.

אין דער הקדמה האָט דער רעפערענט אונטערגעשטראָכן די גרוי־סע פאַרדינסטן פונעם טראַדיציאָנעלן יידישן חדר, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געווען איינער פון די וויכטיקסטע רינגען אין דער גאָלדענער קייט, וואָס האָט געשאַפן און אויפגעהאַלטן דאָס יידישע לעבן. עס קומען אָבער אָן צייטן, ווען דער טראַדיציאָנעלער יידישער חדר וועט ניט קענען אײַנהאַלטן זיינע פּאָזיציעס. מיר מוזן זיך ערנסט נעמען פאַר דער אַרבעט צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ נאָרמאַלער יידישער פאָלקשול. ניט מבטל זיין אין גאַנצן דעם חדר, נאָר באַ־מיען זיך בהדרגהדיק אַריינטראָגן אין אים די גרינטלעכע עלעמענטן פון אַ מאָדערנער פאָלקשול: ביסלעכווייז ענדערן דעם אופן און סדר פון די לימודים, צוגרייטן דעם געהעריקן לערער־פּערסאָנאַל, וואָס זאָל זיין באַוואָפנט ניט נאָר מיט אַלגעמיינעם וויסן, נאָר וויכטיקער ווי אַלץ, מיט אַ רייכן יידישן וויסן, וואָס איז דער יסוד פון אַ יידישער פאָלקשול, און ממילא פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור. דער חדר־מתוקן, וואָס די ציוניסטן האָבן זיך גענומען בויען, איז אַ דורכפאַל אַפילו אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואו דער חדר שטייט בכלל אויף אַ סך אַ הע־

כערער מדרגה, ווי אין פוילן. דאָ, אין וואַרשע, באַמערקט זיך שוין איצט די טענדענץ צו פאַרוואַנדלען דעם חדר־מתוקן אין אַ מין צוגרייטונג־קלאַס פאַר דער רוסישער גימנאַזיע. דער טעות פון די ציוניסטן־העברעאיסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען גרייט מקריב צו זיין פאַר זייער העברעאיש־קולט דעם גורל פון יידישן קינד, דעם גורל פון אַ יידישער פאָלקשול, וואָס קען אויפגעבויט ווערן נאָר אויפן יסוד, אַז יידיש זאָל ווערן די אונטעריכט־שפּראַך פון אַלע לימודים.

אין דעם רעפעראַט איז אָנגעצייכנט געווען אַ פּראָגראַם פון אַ פינף־יעריקער פאָלקשול. דער ערשטער יאָר ווערט אויסגעפילט מיט דער פּראָגראַם פון אַ קינדערגאָרטן. באַזונדערס גרינטלעך זיינען געווען די פּראָגראַמען פון יידיש, יידישער ליטעראַטור און געשיכטע פאַר יעדן קלאַס באַזונדער. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין די יידישע קלאַסיקער בכלל, בפרט אין מענדעלע מוכר־ספרימס שאַפונגען, וועלכע ער האָט שטאַרק רעקאָמענדירט פאַר די עלטערע קלאַסן פון דער פאָלקשול. געשיכטע, ווי אַ לימוד, איז לויט זיין מיינונג צו אַבסטראַקט פאַר קינדער פון פאָלקשול־עלטער, און דעריבער דאַרף עס געלערנט ווערן אַזוי, אַז יעדע היסטאָרישע תקופה זאָל זיך קאָנצענטרירן אַרום אַ היסטאָרישער פערזענלעכקייט, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך די געגעבענע תקופה, און געלערנט דאַרף עס ווערן אין די צוויי עלטערע קלאַסן. העברעאיש, ווי אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד, דאַרף זיך אָנהייבן פון דריטן שול־יאָר. עס דאַרף געלייגט ווערן גרויס געוויכט אויף די העברעאישע עלעמענטן, וואָס זאָלן צוגרייטן די תלמידים צום לימוד פון תנ״ך אין עלטסטן קלאַס.

דאָס איז געווען דער תמצית פון רעפעראַט. די דעבאַטע אַרום דעם רעפעראַט האָט זיך געצויגן דריי שבתים. ווען איך האָב מיט אַ צייט שפּעטער באַוויזן אַ געשריבענע קאָפּיע פון דעם רעפעראַט דעם פריינד מיינעם ליכטנשטיין, דעמאָלט אַ לערער אין די גמינע־שולן, (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק בעת זיין באַזוך אין די אינטערעסן פון די פוילישע שולן) איז ער ממש איבערראַשט געוואָרן פון דער וואָגיקייט

פון דער אַרבעט. איך האָב די געשריבענע קאָפּיע אָפּגעהיט אַ לענגערע צייט. ווען איך האָב זיך אין יאָר 1921 אַריבערגעכאַפּט פון מינסק קיין ווילנע, האָבן שיכורע פּוילישע סאָלדאַטן ניט ווייט פון ווילעיקע צוגענומען ביי מיר אַ וואַליז מיט ביכער, געמיינט מי יודע וואָס פאַר אַן אוצר דאָרט איז. צווישן די ביכער איז אויך געווען די אויבן דערמאָנטע קאָפּיע פון דעם רעפעראַט.

די גרופּעס

און יאָרן זיינען געגאַנגען. דער שרעקלעכער קישינעווער פּאָ־גראָם אין 1903טן יאָר האָט אויפגעשטורעמט דאָס יידיש לעבן אומעטום. באַזונדערס שטאַרק האָט אויפגעציטערט די יידישע יוגנט. די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט געגלייבט, אַז די אַכזריותדיקע רציחות וועלן אַ סוף מאַכן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלן זיכער שטאַרק פאַרקלענערן דעם יידישן אַנטייל אין דער רעוואָלוציע, האָט אַ שטאַרקן טעות געהאַט. גראַד נאָכן קישינעווער פּאָגראָם איז דער אימפּעט פון דער רעוואָלוציע באַדייטנדיק גרעסער געוואָרן און האָט גענומען קלאַפּן אין טיר און טויער.

באַזונדערס קענטיק איז דאָס געווען אין אַזאַ וויכטיקן אינדוסט־ריעלן און האַנדלס־צענטער, ווי וואַרשע, וואו די צוויי מאַסן־פּאַרטייען, די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „פּ.פּ.ס.“ און דער יידישער אַר־בעטער־„בונד“ זיינען אין 1904 יאָר אַרויס אין די גאַסן.

דער „בונד“ האָט דעמאָלט אויפגערודערט די טיפסטע טיפענישן פון יידישן לעבן, איז געוואָרן אַ מעכטיקע מאַסן־באַוועגונג באַלד נאָכן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער האָט זיך אין וואַרשע אָנגעהויבן אַן אינ־טענסיווע אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן. די פּוי־לישע ראַדיקאַלע קרייזן האָבן געשאַפן דעם „אוניווערסיטעט פאַר אַלעמען“ און דער „בונד“ האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט

אויף דער יידישער גאַס. סיסטעמאַטישע לעקציעס אויף פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אין זאַל פון זאַקס פרויען־גימנאַזיע, אויף דזיקע 5, פלעגט יעדן שבת נאָך מיטאָג לייענען לעקציעס פון יידישער געשיכטע דער איצט באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון זשענעווע הערש ליבמאַן. די לעקציעס פלעגן ציען אַ גרויסן עולם.

גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט. מילא, די יינג־לעך האָבן דאָך לכל־הפּחות זיך באַקענט מיט אַ צורת־אַלף אין די חדרים, אָבער די מיידלעך, די הונדערטער שניידערקעס, בייטערקעס, זאָקן־מאַכערינס און אַנדערע האָבן דאָך צומאָל קיין צורת־אַלף ניט געקענט.

אויף פּאַוויע 20 איז געווען אַ פרויען־גימנאַזיע פון סאָפיע ראַוויטש. פון די בונדישע קרייזן אַרום דער גימנאַזיע איז אַרויס די איניציאַטיווע פון די אַזוי גערופענע „גרופּעס", וואָס האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו לערנען יידיש לייענען, שרייבן און עלעמענטאַרע אַריפמעטיק.

איך געדענק גוט דעם שבת, ווען אין די געראַמע קלאַס־צימערן האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער מיידלעך, וואו ניט וואו באַשפּרינקלט מיט שעמעוודיקע יינגלעך. ס'זיינען געקומען אַ היפּש ביסל לערערס, וואָס האָבן אויף זיך פרייוויליק גענומען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן די גרופּעס. צווישן די לערערס איז אויך געווען דוד־מאיר, שוין דעמאָלט אַן אַקטיווער בונדיסט, איצט אין ניו־יאָרק. ס'זיינען אויך געקומען פיר העברעאישע לערערס: מיטראָפּאָליטאַנסקי, פרידבערג, שאַליט, זילבערמאַן.

קיין יידישע לערנביכער זיינען דעמאָלט ניט געווען. די איינציקע מכשירים וואָס די גרופּעס האָבן פאַרמאָגט זיינען געווען עטלעכע קעסט־לעך מיט הילצערנע אַלף־ביתן, וואָס ס'האָט אַ מתנה געגעבן אַ יונגער־

מאַן מיטן נאָמען גאָלדשטיין. מ׳האָט אויך אויסגעטיילט די לערערס העפטן און בלייפעדערס.

די אַרבעט איז ניט געווען קיין גרינגע. מ׳האָט באַדאַרפט קומען אין די וואַרשטאַטן באַלד נאָך דער אַרבעט, ברענגען מיט זיך די העפטן מיט די בלייפעדערס, אויסזעצן די תלמידות ביי די אַרבעט־טישן און נעמען קנעלן. די וואַרשטאַטן זיינען געוויינלעך געווען גאַנץ ווייט, אַרויף נאָוואָליפיע, נאָוואָליפקי, פּאַוויע, דזיעלנע. געדענק איך, ווי דער אויבן־דערמאָנטער לערער דוד האָט מיר מיט פרייד דערציילט, אַז ער האָט שוין אין זיין גרופּע אויף נאָוואָליפקי איבער דרייסיק תלמידים, ס׳קומען צו יעדן טאָג אַלץ נייע שילערס, האָט ער געזאָגט.

לערנען מיט דערוואַקסענע נאָך אַ גאַנצן טאָג קלאַפּן אויף די מאַ־שינעס איז ניט אַזוי גרינג. דער דערפאָלג האָט זיך געווענדט פון דעם טאַקט און גלויבן אין דער וויכטיקייט פון דער אַרבעט פון די פריי־וויליקע לערערס. מ׳האָט פריער פאַר אַלץ באַדאַרפט געווינען דעם צוטרוי פון די יוגנטלעכע תלמידות.

די ערשטע עטלעכע חדשים איז די אַרבעט געווען אַ גרויסער דערפאָלג. עס פלעגן כסדר צוקומען נייע גרופּעס. עס זיינען אַפילו אָרגאַניזירט געוואָרן נאַטורוויסנשאַפטלעכע לעקציעס יעדן שבת ביי טאָג באַגלייט מיט עלעמענטאַרע פיזישע עקספּערימענטן, וואָס דער פאַרשטאָרבענער אברהם קאָטיק פלעגט באַווייזן.

אָבער אין דעם אויפגעברויזטן יידישן לעבן אין דעם שטורעמ־דיקן פעריאָד האָט אַזאַ וויכטיקע קולטור־אונטערנעמונג זיך ניט גע־קענט נאָרמאַל אַנטוויקלען, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּערמאַנענטער נעץ פון אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע. ס׳זיינען דעמאָלט ניט בנמצא געווען ברייטערע קרייזן, וואָס זאָלן קענען איבערנעמען די אַרבעט.

אייניקע גרופּעס האָבן אויפגעהערט צו פונקציאָנירן ווייל די באַלעבאַטים האָבן ניט דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט די וואַרשטאַטן, אָדער מחמת דעם, וואָס די צאָל תלמידים האָבן זיך שטאַרק פאַר־קלענערט אין די גרופּעס. די גוט אָרגאַניזירטע גרופּעס האָבן זיך

געהאַלטן לענגער. איך בין געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט פיר גרופּעס, וואָס האָבן פונקציאָנירט איבער אַ יאָר צייט. דאָס איז געווען די גרופּע פונעם העברעאישן לערער מעטראָפּאָליטאַנסקי, וואו די תלמידים האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אַ פליסיקן יידיש־לייענען און אַפילו אַריבער צום זעלבשטענדיקן לייענען אַ בוך, די צווייטע גרופּע איז געווען דעם לערער דודס, וואָס האָט ניט נאָר איינגעהאַלטן די צאָל, נאָר האָט אַפילו זי פאַרגרעסערט, אַריינגענומען נייע תלמידים. ער האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די גרופּע זיינע מיט יידישער געשיכטע, פלעגט צוגרייטן אַ קאָנספּעקט פאַר יעדער לעקציע באַזונדער, באַראַטן זיך מיט חברים, אויפגעזוכט דעם נייטיקן מאַטעריאַל פון ערשטן מקור, באַאַרבעט אים ווי געהעריק און פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען שמועסן אין וועלכע די גאַנצע גרופּע פלעגט אָנטייל נעמען. מיט דער דריטער גרופּע האָט אָנגעפירט דער לערער דיימאָנט, אַ באַרופענער פּעדאַגאָג מיט גאָר אַ רייכן יידישן וויסן. ער האָט די גרופּע אַריינגענומען צו זיך אין אַ געררוימען צימער אויף לעשנאָ גאַס. איך האָב אים אַ פּאָר מאָל פאַרטראַכטן און געזען, ווי גרויס די גרופּע איז אויסגעוואַקסן אין זייערע אַריטמעטיק־קענטענישן, אין זייער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. די פערטע גרופּע האָט זיך פאַרקליבן אַזש אויף זשעליאַזנע גאַס. אָנגעפירט מיט דער גרופּע האָט דער לערער פיינבערג, אַ גאַנץ ערנסטער מאַרקסיסט, אַ געוועזענער ישיבה־בחור און אַ מוסרניק. ער איז געווען מוראדיק לינק געשטימט, באַלאַנגט צו דער גרופּע „פּראָלעטאַריאַט" פון דער פּוילישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג. חוץ זיין לערערשער פּראָפעסיע איז ער שטאַרק געווען פאַרנומען מיט שאַך און אַ גוטן בוך. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון י. ל. פּרצן און האָט זיין אַכטונג צום באַגרינדער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איינגעפלאַנצט ביי די תלמידים פון זיין גרופּע.

די ערשטע פּרואוון

די שטורעמדיקע כוואַליעס פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך גענומען איינשטילן. אָבער דער קורצער דראַנג־ און שטורעם־פּעריאָד האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אין יידישן לעבן. די ענדערונגען זיינען שטאַרק קענטיק געווען אין דעם איינגעוואָרצלטן יידישן לעבן אין פּוילן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טעגלעכע יידישע פּרעסע מיט אַ צירקולאַציע פון צענדליקער טויזנטער אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. דער יידישער עולם האָט מיט חשק געלייענט די וועכנטלעכע זשורנאַלן, די צופעליקע ליטעראַרישע אויסגאַבעס וואָס פלעגן דערשיינען. ס׳איז געשטיגן די פאָדערונג פאַר אַ יידיש בוך און ס׳האָבן זיך גענומען גרינדן ביבליאָטעקן אין דער פּוילישער פּראָווינץ. אין וואַרשע פלעגן די לעקציעס אין „הזמיר”, אין זאַל אויף נאָוויניאַרסקע גאַס, ציען אַ גרויסן עולם, באַזונדערס באַליבט זיינען געווען ביי דער יידישער יוגנט די לעקציעס־אימפּראָוויזאַציעס פון י. ל. פּרצן.

עס זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען ענדערונגען אויך אין דער אידעאָלאָגיע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. דער „בונד”, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהאַלטן זיך נייטראַל צו די קולטור־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אין יידישן לעבן, וואָס האָבן גענומען באַאיינפלוסן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ, האָט ניט

נאָר געענדערט זיין נייטראַלע שטעלונג, נאָר האָט אַפּילו איינגעגלידערט די קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ווי אַן אָרגאַנישן טייל אין זיין פּראָגראַם. אין דער בונדישער פּרעסע זיינען דערשינען אַרטיקלען פון אסתּר פרומקין, אַן אַנגעזעענער טוערין, וואָס האָבן זייער וואַרעם אויפגענומען די אידעע פון אַ יידישער שול. די ענדערונג איז געווען אַ פּועל־יוצא ניט פון דער געענדערטער שטעלונג פון אינטעליגענטן־פירער, נאָר פון דער ערנסטער באַציאונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער בונדישער פאָלק־ און אַרבעטער־אינטעליגענץ צו די פּראָבלעמען פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור און ממילא אויך פון דער יידישער שול.

— —

ווען אין סוף 1907 יאָר האָט אַ קליינע גרופּע לערערס און סתם יידישע אינטעליגענטן גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו גרינדן אַ יידישע שול, האָבן מיר זיך שוין ניט אַנגעשטויסן אויף דעם געוויינט־לעכן ביטול־שמייכל פון די פאַרביסענע העברעאיסטן אין דער לערער־געזעלשאַפט, וועלכע האָבן דעמאָלט שוין גערעדט וועגן שלילת־הגלות מיטן פּתח (שלילאַט־האַגאַלוט).

צווישן דער איניציאַטיוו־גרופּע איז געווען דער שוין דערמאָנטער העברעאישער לערער האַלענדער. ס'איז פריש אין מיין זכרון אונדזער ערשטער באַזוך ביי י. ל. פּרצן. געקומען זיינען מיר, דער לערער דוד, יעקב קלעפּפיש (אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ), פיינבערג, דיימאַנט און מיין ווייניקייט, ווי שלוחים פון דער איניציאַ־טיוו־גרופּע. י. ל. פּרץ איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ נאָכמי־טאָגדיקן דרימל. ער איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט, האָט אונדז מכבד געווען מיט טיי און צובייסן, וואָס די פרוי זיינע האָט אַריינגעטראָגן.

דער לערער דוד האָט איבערגעלייענט די טיילווייז געענדערטע פּראָגראַם, וואָס ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָט געגעבן אויספירלעכע דערקלערונגען וועגן איי־

ניקע פונקטן אין דער פּראָגראַם און געבעטן י. ל. פּרצן, ער זאָל אַרויס־זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם ענין.

י. ל. פּרץ האָט זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם לאַנגן רעפּאָרט, און האָט נאָך אַ נאָכטראַכטן געזאָגט: איך בין ניט קיין לערער און קען ניט אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן אַן ענין, וואָס איז מיר ווייניק באַקאַנט. וואָס שייך באַזונדערע פּונקטן פון דעם רעפּעראַט, בין איך שטאַרק מסופק, צי מענדעלע מוכר־ספרים קען אויספילן די פּראָגראַם פון יידישער ליטעראַטור אַפילו אין די עלטערע קלאַסן פון דער פאָלקשול. עס פעלט לחלוטין דער ספור־המעשה. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פאַר די יינגערע קלאַסן איז דערוויל ווייניק וואָס פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז אַהער איז מיר קיין מאָל דער ענין ניט געקומען אויפן זין. און אפשר וועט די היינטיקע באַראַטונג מיר דינען פאַר אַן אַספּיראַציע אין דער ריכטונג.

מיט אַן ערך פיר חדשים שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער באַראַטן מיט י. ל. פּרצן אין זיין היים אויף צעגליאַנע 1. דאָס מאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן לערן־ און לייען־מאַטעריאַל פאַר דער יידישער שול.

מיר האָבן אָנגעהויבן פון די „ערשטע יידיש־לעקציעס אין דער פאָלקשול" אַ מין אָנפאַנגער פאַר יידיש, אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פון אַ גרופּע לערערס. אין דער דעבאַטע האָט פּרץ אָנגעוויזן אויף דעם האַמעטנעם, געקינצלטן לשון אין די פערזן פון אייניקע לידער. „מוזיק, ריטעם, האָט פּרץ געזאָגט, איז דאָס ערשטע געבאָט פאַרן קינדער־ליד."

מ'האָט אויך אויסגעהערט פיינבערגס פאָרטראַג וועגן „למוד פון אַריטמעטיק אין דער פאָלקשול". פיינבערג, אַליין אַ גוטער מאַטעמאַטיקער, האָט אין זיין פאָרטראַג געגעבן מוסטערן פון עלעמענטאַרע אַריפמעטישע לעקציעס אין ערשטן קלאַס פון דער פאָלקשול.

נאָך דער באַראַטונג האָט י. ל. פּרץ באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק מסופק, צי ס'זיינען איצט פאַראַן אויף דער יידישער גאַס מעצענאַטן פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. „אַל תבטחו בנדיבים! מ'דאַרף זיך אַליין

אונטערגאַרטלען און נעמען זיך פאַר דער אַרבעט. יעדנפאַלס וועל איך אייך זיין באַהילפיק מיט ראַט און טאַט.״

די איניציאַטיוו־גרופּע האָט זיך ערנסט גענומען גרייטן צו דער אַרבעט. דערווייל האָט מען באַשלאָסן צו עפענען אַ שול פון אַ קליינעם פאַרנעם: פופציק תלמידים אין די צוויי ערשטע קלאַסן. מ׳האָט גע־נומען זוכן אַ פּאַסיקע דירה אין דער אומגעגנט פון נאָוואָליפּיע, נאָוואָ־ליפּקי, ניט ווייט פון סמאָטשע גאַס. קיין שכר־למוד ניט נעמען, נאָר באַנוגענען זיך מיט פרייוויליקע באַשטייערונגען פון די עלטערן. מיר האָבן זיך דאָס געקענט דערלויבן, ווייל דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל צוזאַמען מיט די צוויי שטענדיקע לערערס האָט געזאָלט זיין אַ פרייוויליקער. מיר האָבן געזאָלט באַקומען אַ דער־לויבעניש פון דער שול־אינספּעקציע צו עפענען אַ חדר אויפן נאָמען פון אַ לערער אין אַ תלמוד־תורה. מיר האָבן דעם לערער גערופן דער רב. דאָס איז געווען אַ ייד, אַ מוסמך, אַ באַשיידענער, שטילער מענטש, אַן אויפריכטיקער פריינד פון אַ יידישער שול.

מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט און צונויפגענומען איבער דריי הונדערט רובל. ס׳איז אָבער געווען זייער שווער צו קריגן אַ פּאַסיקע דירה פאַר אַ שול אין דעם אומגעגנד פון סמאָטשע גאַס. ענדלעך איז אונדז געלונגען צו קריגן אַ דירה, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, אויף נאָוואָליפּיע, דריי הייזער פון סמאָטשע. פיר גרויסע צימערן אויף אַן אונטערשטן שטאָק. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. מיר האָבן גלייך באַשטעלט שול־בענק און אַנדערע מכשירים. די שול האָט זיך געזאָלט עפענען ערשט אין סוף פון בין־הזמנים, נאָך סוכות, ווען ס׳הייבן זיך אָן די לימודים אין די חדרים. מיר זיינען געווען זיכער, אַז קיין תלמידים וועלן אונדז ניט פעלן.

אין שפּעטן זומער 1908 איז דער לערער דוד פלוצלונג קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט געראַטן, ער זאָל גלייך אַוועקפאָרן קיין אָטוואָצק אָפּצורוען זיך אין אַ סאַנאַטאָריום. מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז דודס לאַגע געוואָרן אַ סך ערגער. אַ שאַרפער אָנגריף פון טו־

בערקולאַז. ס׳איז געקומען קיין וואַרשע דודס פאָטער, אַ זקן אַ ייד, און אַן עלטערער ברודער. מ׳האָט דעם קראַנקן אָוועקגעפירט קיין דאַוואָס, דעם באַרימטן קוראָרט. אָבער ס׳איז געווען שוין צו שפּעט. סוף ווינטער איז דוד געשטאָרבן. אַ ליכטיקע געשטאַלט פון אַ קרישטאָל־ריינעם אידעאַליסט איז אָוועק פון אונדז.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

אין דער זעלביקער צייט איז דער לערער פיינבערג אַרעסטירט געוואָרן און שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

היות, ווי די צוויי חברים האָבן געזאָלט זיין די שטענדיקע לערער אין דער פּראָיעקטירטער שול, זיינען מיר געצוואונגען געווען אויפ־צוגעבן דעם פּלאַן...

— —

אין די יאָרן 1911־12 האָט זיך די לאַגע פון די שולן אין וואַרשע שטאַרק געענדערט. די פּויליש־יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ האָט זיך גענומען מער אינטערעסירן מיט פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג.

אַ קליינע גרופּע בראש מיטן דאָקטאָר מאירסאָן, אַ ברודער פון דעם דירעקטאָר פון „איקאַ“ אין פּאַריז, האָט געגרינדעט די געזעל־שאַפט „דעת“, און גענומען עפענען שולן פאַר יידישע מיידלעך. קיין גרויסע ענדערונגען אין דעם אופן און סדר־הלמודים, ווי אין די גמינע־שולן, זיינען ניט פאַרגעקומען. דער אונטערשייד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין די „דעת“־שולן זיינען די אַלגעמיינע לימודים אָוועק־געשטעלט געוואָרן אויף אַ העכער מדרגה. די מערסטע לערערינס זיינען געווען ניט נאָר מיט אַ העכער פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג, נאָר אויך באמת באַרופענע לערערינס. בנוגע די יידישע למודים זיינען קיין גרויסע פאָדערונגען ניט געשטעלט געוואָרן. דער דאָקטאָר מאירסאָן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום לימוד פון תנך און פלעגט כסדר איינטענהן מיט די לערערס, אַז ער וואָלט זיך געפילט מער ווי צופרידן, אויב נאָכן פאַרענדיקן די פיר־יאָריקע שול, וואָלטן די

תלמידות געקענט בייקומען די לייכטע ערטער פון בראשית מיטן פוילישן פרוש־המלות.

אין דער זעלביקער צייט האָט אויך די יידישע גמינע שטאַרק געענ־דערט איר באַציאונג צו יידישער דערציאונג. די באַלעבאַטים אין דער גמינע זיינען דעמאָלט געווען די חסידים און די אַסימילאַטאָרן. די חסידים האָבן זיך ווייניק וואָס געקימערט מיט דערציאונג־פּראָבלע־מען בכלל. אין די תלמוד־תורות האָבן זיי געהאַט זייערן אַ פּאַרטרוי־אונג־מאַן, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער מתווך צווישן די חסידים און די אַסימילאַטאָרן. און ווען אין 1912טן יאָר האָט די גמינע גענומען עפענען מאָדערנע שולן גאָר אויף אַ ברייטן פאַרנעם, האָט זיך די לאַגע באמת געענדערט. די נייע שולן זיינען אין גאַנצן געווען אין רשות פון די אַסימילאַטאָרן בראש מיטן באַקאַנטן פּראָפעסאָר דיקשטיין. עס איז דערעפנט געוואָרן ביי דער גמינע אַ שול־אָפּטיילונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון צוויי רעפערענטן, דאָקטאָר איידעלמאַן און דאָקטאָר זעליענטשוק. דער לעצטער, אַ דורכויס אַסימילירטער ייד, האָט זיך באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער גרינדונג פון דער פּוילישער רעפּובליק געשמדט און האָט פאַרנומען אַן אָנגע־זעענעם פּאָסטן אין דעם פּוילישן בילדונג־מיניסטעריום.

די נשמה פון די ניי געעפנטע שולן, דער פאַקטישער אָנפירער, איז געווען דער אויבן־דערמאָנטער פּראָפעסאָר דיקשטיין, אַ קולטור־מענטש און אַן איבערצייגטער פּוילישער אַסימילאַטאָר. ער האָט זיך בלב־ונפש איבערגעגעבן דער שול־אַרבעט, פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן די קלאַסן. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר פון קורסן פאַר דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך גענומען עפענען ביי די תלמוד־תורות און די נייע שולן.

דער אויסוואַל פון די לערערס פאַר די נייע שולן איז פאַרטרויט געווען די צוויי אויבן־דערמאָנטע רעפערענטן. חוץ אַ לערער־דיפּלאָמע האָבן די לערער געדאַרפט קענען העברעאיש און פויליש. פון אַ שריפטלעכער פּוילישער קאָמפּאָזיציע אויף אַ געגעבענער טעמע און

אַ „קאַלאַקוויאום״, אַ שמועס, האָבן די רעפערענטן געקענט פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער און ועל־כולם די פוילישע אָריענטאַציע פון קאַנ־דידאַט.

צווישן די נייע לערערס איז געווען אַ קליינע גרופע אָנהענגערס פון אַ יידישער שול. האָבן זיי זיך באַמיט, וואו עס איז נאָר מעגלעך געווען, איינצופירן יידיש, און פריער פאַר אַלץ אויף די אָוונט־קורסן פאַר די דערוואַקסענע.

איך האָב דעמאָלט געלערנט אין איינער פון די נייע שולן. דריי מאָל האָט דער פּראָפעסאָר דיקשטיין באַזוכט מיינע קלאַסן בעת די לעקציעס פון אַריפמעטיק. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף אַ הינ־טערשטן באַנק און ניט פאַרלאָזן דעם קלאַס אין פאַרלויף פון פופציק מינוט ביזן סוף פון דער לעקציע. איך פלעג געוויינטלעך קאָמבינירן חבור מיט כפל און חסור מיט חלוק און פּלאַנירן די לעקציע אַזוי, אַז כמעט אַלע עטלעכע און דרייסיק תלמידים זאָלן אָנטייל נעמען אין די שריפטלעכע אַרבעטן אין זייערע העפטן און ביים טאָוול. צום סוף פון זיין דריטן באַזוך איז דיקשטיין צוגעקומען צום טאָוול, האָט מיר געדריקט די האַנט און באַדאַנקט פאַר דער אַרבעט.

גראָד האָב איך דעמאָלט פאַרטראַכטן אַ לענגערע צייט אויף די אָוונט־קורסן דעם לערער פון דער ייִנגל־שול אין דעם יתומים־הויז, אויף קראָכמאַלנע גאַס, דעם אַגראַנאָם נודעלמאַן. דאָס איז דאָס זעלבי־קע יתומים־הויז, וואו ס׳האָט געלעבט און געווירקט דער דאָקטאָר העבריק גאָלדשמידט (יאַנוש קאָרטשאַק), וואָס איז פרייוויליק אומגע־קומען אין די פייערן פון די גאַז־קאַמערן צוזאַמען מיט די יתומים.

די קורסן פלעגן באַזוכן אַן ערך זעכציק צוהערערס, וואָס זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס. איך האָב איינגעפירט דעם למוד פון יידישער געשיכטע מיט דער עלטערער גרופּע. אָנגעהויבן האָב איך מיט דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. נאָך די ערשטע צוויי לעקציעס: „פון וואַנען זיינען יידן געקומען קיין פוילן״, בין איך אַריבער

צו דער דריטער לעקציע: „די יידישע אויטאָנאָמיע אין פוילן און דער ועד־אַרבע־הארצות.“

איך בין געווען פאַרטיפט אין דער לעקציע און האָב פּלוצלונג באַמערקט אַ גערודער צווישן די תלמידים. איך טו זיך אַ קער און זע, אַז אין די צעעפנטע גלעזערנע טירן שטייט די הויכע געשטאַלט פון פּראָפעסאָר דיקשטיין. געשטאַנען אַ ווײַלע און געשוויגן, ענדלעך אַ הייב געטאָן ביידע הענט אין דער הייך, אויסרופנדיק אין פויליש: „אָ, מוי באָזשע!“ (אָ, מיין גאָט!) און איז פאַרשוואונדן.

פאַרנדיק אַהיים האָב איך אין טראַמוויי געטראָפן ל. ניישטאַדטן, אַ לערער אין איינער פון די נייע שולן, און דערציילט אים, וואָס ס'האָט פּאַסירט אויף די אָוונט־קורסן.

— מ'וועט אייך מאָרגן רופן אין גמינע, — האָט ניישטאַדט געזאָגט.

און כך־הוה. צו מאָרגנס, ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך אין מיין צימער געטראָפן אַ צושריפט פון דאָקטאָר זעליענטשוק, אַז איך זאָל קומען אין שול־אָפּטיילונג.

— יאַקי, פּאַן, טשלאָוויעק יעסט? (וואָס פאַר אַ מענטש ביסטו?)

— באַגריסט מיך דער דאָקטאָר זעליענטשוק.

— האָמאָ סום, (אַ מענטש בין איך), — האָב איך געענטפערט.

— יאַ וויעם זשע פּאַן „האָמאָ“, אַלע יאַקי „האָמאָ“, טשי ראָסייסקי, טשי זשידאָווסקי, טשי פּאָלסקי? — איך ווייס, אַז דו ביסט אַ מענטש. אָבער וואָס פאַר אַ מין? אַ רוסישער, אַ יידישער, אַ פּוילישער.

איך האָב געזאָגט, אַז מיין גאַנצע אַרבעט אויף די קורסן וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפן, ווען איך באַנוץ זיך ניט מיט יידיש, ווייל מער ווי ניינציק פּראָצענט פון די צוהערערס פאַרשטייען ניט קיין פּויליש.

איך האָב ביז די זומערדיקע וואַקאַציעס פאַרגעזעצט דעם לימוד פון יידישער געשיכטע מיט גרויס דערפאָלג.

ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה

אין 1912 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן די אידעע פון אַ יידישער שול. אין די יידישיסטישע קרייזן האָט די ידיעה וועגן דער שול, וואָס האָט זיך געעפנט אין דעמיעווקע, אַ פאָרשטאָט פון קיעוו, געבראַכט פיל פרייד. די איניציאַטאָרן פון דער שול, אַ גרופּע יידישע לערערס און שרייבערס, האָבן צונויפגעזאַמלט אַרום דער שול דעם מער אַקטיוון טייל פון דער יידישער פאָלקס־ און אַרבעטער־אינטע־ליגענץ, און האָבן מיט גרויס דערפאָלג איינגעשטעלט אַ יידישע שול פון אַ גרויסן פאַרנעם. דאָס האָט זיכער סטימולירט די אַרבעט פאַר דער שול איבער רוסלאַנד. וואַרשע האָט זיך מתקנא געווען און האָט דעם זעלביקן יאָר געעפנט די שול „חנוך־ילדים" אויף דזשיקע 26. אמת, די וואַרשעווער שול איז געווען פון אַ סך אַ קלענערן פאַרנעם, ווי די דעמיעווקער. אָבער דער פאַקט, וואָס ענדלעך איז אין דעם גרעסטן יידישן צענטער אין פּוילן געמאַכט געוואָרן אַ התחלה, האָט פאַרשטאַרקט די האָפענונגען, אַז אין וואַרשע וועט די אַרבעט זיך צע־וואַקסן און וועט אויפמונטערן די בויערס פון דער יידישער שול איבער גאַנץ פּוילן.

איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ פרייד איך פלעג באַזוכן די שול יעדן פרייטיק און פאַרלייענען פאַר די קינדער מעשות פונעם לעבן פון חיות און עופות.

אין דער לערער־געזעלשאַפט אויף קאַרמעליצקע 17 פלעגט מען גאַנץ אָפט אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַקומען בקשות צו העלפן זיי איינשטעלן אין זייער שטאָט אַ יידישע שול. אַזוינע בקשות זיינען געקומען פון קעלץ, לובלין און אַנדערע מקומות. דעם בריוו פון קעלץ האָט מיר באַוויזן דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט, שענדעראָוויץ, און געפרעגט, צי איך וואָלט מסכים געווען צו באַזוכן קעלץ. איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט איינעם, ערליך. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל קומען חול־המועד־סוכות. ערב סוכות האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז היות די איניציאַטאָרן קענען זיך ניט צונויפריידן וועגן דער פּראָגראַם מוז מען דעם פּלאַן דערווייל אָפּלייגן. אין פריען פרילינג פון 1914 זיינען אין אָוונט אַריינגעקומען אין מיין צימער צוויי שלוחים פון מעזריטש. זיי האָלטן ביים עפענען אַ יידישע שול פאַר דער אַרבעטער־יוגנט, בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל קומען און העלפן זיי איינשטעלן די אַרבעט. קיין געלט פעלט זיי ניט, ווייל אַ סך אַרבעטערס באַשטייערן זיך פרייוויליק. איך האָב פאַרבראַכט פיר טעג אין שטעטל. געטראָפן האָב איך אַ גרופּע אַרבעטערס־בערשטערס עטלעכע אינטעליגענטן בראש מיטן דאָקטאָר, וואָס האָבן זיך גאַנץ ערנסט באַצויגן צו דעם ענין. געוואָלט האָבן זיי עפענען אַ נאָרמאַלע שול. איז דערווייל דער באַדן נאָך ניט גענוג צוגעגרייט. עפענען זיי אַ שול פאַר דער אַרבעטער־יוגנט.

ווען איך בין פאַר נאַכט געקומען אין שול, וואו ביי טאָג האָט אַ דרדקי־מלמד געלערנט מיט קינדער, האָב איך געטראָפן איבער הונדערט תלמידים און תלמידות. דער לערער האָט זיי איינגעטיילט אין צוויי קלאַסן. אָבער אַפילו פאַר אַ געניטן און קוואַליפיצירטן לערער וואָלט דאָס געווען איבער די כוחות. האָבן מיר זיי איבערגעטיילט אין פיר גרופּעס, וואָס זאָלן לערנען צו צוויי מאָל אַ וואָך. אין פאַרלויף פון דריי אָוונטן האָב איך באַזוכט די קלאַסן. דער לימוד פון יידיש איז אָנגעפירט געוואָרן גאַנץ גוט. דער לערער, אַן אַנטוויקלטער יונגערמאַן מיט אַ לערערשן חוש, איז באַהאַוונט געווען און האָט ליב

געהאַט די יידישע ליטעראַטור. געפעלט האָט אים די „טעכניק". ער האָט פלינק אויפגעכאַפּט אַלע אָנווייזונגען. דערפאַר אָבער זיינען זיינע קענטעניישן אַפילו אין עלעמענטאַרער אַריפמעטיק געווען גאַנץ קנאַפּע. איך האָב אים פון װאַרשע צוגעשיקט עטלעכע ביכער אין פויליש און רוסיש, וואו ער האָט זיך געקענט דערוועדבן די נייטיקע ידיעות און באַקענען זיך מיט דער מעטאָדיק פון דעם געגנשטאַנד.

כ׳האָב פון מעזריטש באַקומען אַ דאַנק־בריוו פאַר מיין הילף. דער לערער האָט מיך עטלעכע מאָל באַזוכט אין װאַרשע בעת מיינע לעק־ציעס אין דער שול, וואו איך האָב געלערנט.

ביזן 1907 יאָר איז כמעט קיין סימן ניט געווען פון אַ יידישן לערנ־בוך. אַ התחלה האָט געמאַכט יעקב קלעפפיש מיט אַן אָנפאַנגער אין לידסקיס פאַרלאַג און אברהם רייזען מיט אַ יידישן לערנבוך אויך אין לידסקיס פאַרלאַג. די ביכער האָבן באַלד אָנגעשפּאַרט אַזש קיין אַמעריקע און קאַנאַדע. שפּעטער איז אין אָדעס דערשינען אַ כרעס־טאָמאַטיע „יהודיה", אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ בריוונשטעלער און אַ לערנבוך. אין 1913 יאָר איז אין װאַרשע דערשינען אין לעווין־עפּשטיינס פאַרלאַג די כרעסטאָמאַטיע: „די נייע יידישע שול". אין 1912 יאָר איז אין גיטלינס פאַרלאַג אין װאַרשע דערשינען אַ „זאַמלונג אַריפמעטישע אויפגאַבן פאַר שולן און חדרים".

אַ טייל מאַטעריאַלן פאַר יידישע לערנביכער, ווי אויך לייען־מאַ־טעריאַל פאַר דער שול פון יחידים און קאָלעקטיווע אַרבעטן, האָט מיין פריינד אייזיק סוועטיצקי געגומען צו באַקענען זיך מיט דעם. סוועטיצקי איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אומגעקומען אין קיעווער טורמע. דער עלטערער ברודער זיינער האָט מיר דעם גאַנצן מאַטעריאַל צוריקגעגעבן אין 1912 יאָר, און אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל, אַ פיזישע געאָגראַפיע און אַ פּאָליטישע געאָגראַפיע פון אייראָפּע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם „אוניווערסיטעט פאַר

אַלעמען״, וואָס דער פֿאַרלעגער פֿון „היינט״ האָט עס געגעבן, ווי אַ פּרעמיום צו די אַבאָנענטן פֿון דער צייטונג.

עס איז, גלייב איך, גאַנץ אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דעם ערשטן יידישן סינטאַקסיס, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אין פֿאַרלאַג „צענטראַל״, און דעם אופֿן, ווי אַזוי דאָס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. איך האָב זיך דורך דעם אומפֿאַרגעסלעכן לערער דוד באַקענט מיט אַ תּלמיד פֿון די עלטערע קלאַסן גימנאַזיע, וועגנער, זייער אַ באַשיי־דענער און שטילער בחור, וואָס האָט נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע מיט אויסצייכענונגען באַשלאָסן אַריינצוטרעטן דווקא אויפֿן היסטאָריש־פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. באַלד נאָך דעם איז וועגנער געקומען צו מיר און געבעטן איך זאָל אים רעקאָ־מענדירן עמעצן, וואָס זאָל קענען גוט העברעאיש און חוץ דעם זאָל דאָס זיין אַ ייד, אַ למדן. אַ געוועזענער תּלמיד מיינער, רובינליכט, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקערט פֿון טעלזער ישיבֿה. איך האָב אים גוט געקענט. ער וואָלט ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין דער ליטע געשמט פֿאַר אַן עילוי. עטלעכע יאָר כּסדר האָט וועגנער געלערנט ביי דעם געוועזענעם ישיבֿה־בחור, האָט זיך דערוואָרבן אַ סך יידישן וויסן און האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דער נייער יידישער לי־טעראַטור. ווען מיר האָבן זיך דורך באַקאַנטע דערוואוסט, אַז וועגנער זאַמלט מאַטעריאַל פֿאַר אַ יידישן סינטאַקסיס, האָבן מיר אים פֿאָרגעלייגט אונדזער הילף. מיר האָבן זיך באַשטייערט צו צען רובל, פֿאָרגעלייגט צו העלפֿן רעדאַקטירן דעם סינטאַקסיס. די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון שמואל לעווין־עפּשטיין, בירנבאַום, יעקבֿ לעווין און מיין ווייניקייט. מיר פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען ביי יאָשקע ליפּשיץ, שפּעטער אַן אַקטיווער בונדישער טוער. אַ יאָר נאָך דעם, ווי דער סינטאַקסיס איז דערשינען, איז איין מאָל שפּעט אין אָוונט געקומען וועגנער, האָט מיט דאַנק צוריק־געגעבן דעם קרן, די צען רובל, און חוץ דעם נאָך רווח, אַ האַלבן רובל.

נאָך דער מלחמה און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט וועגנער זיך געשטעלט בראש פֿון דער יידישער אָפּטיילונג ביי דעם וויים־

רוסישן אוניווערסיטעט אין מינסק, האָט באמת אַ סך אויפגעטאָן מיט זיין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג־אַרבעט און אַנטוויקלונג פון יידיש.

וואָס פאַראַ סיבות האָבן געפירט צום זעלבסטמאָרד דעם ליבן מענטשן און ערנסטן וויסנשאַפטסמאַן ווייס איך ניט!

— —

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין פּאַסיקער קינדער־ליטעראַטור, באַזונדערס פאַר די יינגערע קלאַסן פון דער פאָלקשול און פאַר קינדער פון פאַרשול־עלטער. די יידישע קלאַסיקער זיינען ס'רוב אַ ליטעראַטור פאַר דערוואַקסענע. מ'האָט, ווי מיט ליכט באַדאַרפט זוכן דעם נייטיקן לייען־מאַטעריאַל. ערשט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, בעת דעם אויפבלי פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, האָבן זיך באַוויזן פּאָעטן און דערציילערס, וואָס האָבן אַפּעלירט צום יידישן קינד. אַזוינע לידער, ווי אברהם רייזענס: „נאָך צווייגעלעך, קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין", „דאָס געבעט", איינהאָרנס „קעצעלע", „קאָרן־בלימעלעך", משה סטאַווסקיס וואונדערבאַרע שילדערונגען פון לעבן פון חיות און עופות — זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן, ווי אַן אבן־טוב פון די וואָס האָבן געזוכט דעם מאַטעריאַל.

ס'האָבן אין פאַרשיידענע שטעט גענומען דערשיינען סעריעס קינדערשע מעשות אין קליינע ביכעלעך צו פינף און זיבן קאָפּיקעס, באַאַרבעטונגען פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, ווי בירנבאַומס סעריע אין וואַרשע, מערעזשינס אין אָדעס, די סעריע ביכלעך „פון לעבן פון חיות און עופות", די „מוטער נאַטור" אין וואַרשע.

אין ווילנע האָט אין 1914 יאָר קלעצקינס פאַרלאַג פאַרעפנטלעכט האָכמאַנס אָנפאַנגער און אַ לייענבוך פאַרן ערשטן און צווייטן שוליאָר. די דאָזיקע לערן־ און לייען־ביכלעך זיינען אגב־אורחא געווען כמעט די איינציקע, מיט וועלכע מ'האָט זיך באַנוצט אין די שולן פאַר היימלאָזע קינדער אין רוסלאַנד. און על־כולם דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער אויסגעצייכנטער קינדער־זשורנאַל „גרינינקעביימעלעך", וואָס איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן פון אַלע פריינד פון דער נייער יידישער שול.

אויף די קורסן פון דער חברה מפיצי־השכלה

די חברה מפיצי־השכלה האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין קולטורעלן לעבן פון רוסלענדישן יידנטום. באַזונדערס קענטיק איז דאָס געווען אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די געזעלשאַפט האָט גענומען פאַרלירן איר אויסגעשפּראָכן אַסי־מילאַטאָריש רוסיפיקאַטאָרישן כאַראַקטער, האָט זיך מיטן פּנים גע־שטעלט צום אויפשטייגנדיקן קולטור־נאַציאָנאַלן יידישן לעבן.

שוין לאַנג פאַר דער מלחמה האָט די בילדונג־געזעלשאַפט געגרי־מען עפענען געזעלשאַפטלעכע שולן אין תחום־המושב און אויך מחוץ דעם תחום. די ערשטע טריט זיינען געווען וואַקלדיק, זי האָט נאָך ניט אין גאַנצן איבערגעריסן מיט אירע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, אָבער אונטערן דרוק פון אויפגעוואַכטן יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק האָבן אין דער פּראָגראַם פון די מפיצי־השכלה־שולן די עלעמענטן פון באמת אַ נאַציאָנאַלער פאָלקשול גענומען פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן אָרט. מ׳האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט דעם אופן און סדר פון די לימודים, ווי דאָס האָט זיך איינגעשטעלט אין די „קאַזיאָנע״ יידישע שולן, וואו „זאַקאָן־באָזשי״, פּיצלעך און ברעקלעך העברעאיש מיטן רוסישן פּרוש־המלות איז געווען דאָס ביסל יידישקייט. מ׳האָט זיך ערנסטער גענומען באַציִען צו העברעאיש און צום תנך־לימוד, צו יידישער געשיכטע. די דאָזיקע ענדערונג האָט ממילא געמוזט פירן צו אַ געענדערטער שטעלונג בנוגע יידיש, דער יידישער פאָלקשפּראַך.

ס'זיינען געעפנט געוואָרן די גראַדנער קורסן מיט גאָר אַ רייכער פּראָגראַם פון יידישע לימודים. די תלמידים, ס'רוב יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן, זיינען געגאַנגען אויף די קורסן מיט אַ שליחות, ווי פּיאָנערן פון אַ וויכטיקער פאָלקס־אַרבעט.

אַ טייל פון די סטודענטן האָבן ניט נאָר אויף די קורסן, נאָר אויך שפּעטער אין די שולן, וואָס די בילדונג־געזעלשאַפט האָט גענומען עפענען, אַריינגעטראָגן די אידעע פון דער נייער יידישער שול, וואו יידיש זאָל פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, זאָל ווערן די אונטעריכט־שפּראַך פון אַלע לימודים. דאָס זיינען טיילוויז געווען די לערערס, וואָס האָבן בעת דער מלחמה און דער יידישער מאַסן־היימלאָזיקייט געהאָלפן לייגן דעם יסוד פון אַ נייער יידישער שול.

אין 1912 יאָר האָט די בילדונג־געזעלשאַפט געעפנט אין אָדעס זעקס־וואָכיקע דערגאַנצונג־קורסן אויסצובריייטערן און צו פאַרטיפן די אויסבילדונג פון יידישן פאָלקס־לערער.

אין פרילינג 1913 יאָר האָב איך באַקומען פון חיים פיאַלקאָוון אַן איינלאַדונג צו באַזוכן די קורסן. איך האָב געוואוסט, אַז דאָרטן וועלן זיך צונויפקומען יידישע לערערס פון גאַנץ רוסלאַנד און אַז דאָרטן קען מען אָנטאַפּן דעם דופק, דערוויסן זיך, וואו האַלטן מיר מיט אונדזערע באַמיאונגען, מיט דיווירקלעכע מעגלעכקייטן צו שאַפן די נייע יידישע שול.

צוזאַמען מיט מיר איז פון וואַרשע געפאָרן דער פאַרוואַלטער פון דער שול „חנוך־ילדים" גילינסקי און אַ העברעאישער לערער. די קורסן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם. די לעקציעס וועגן דער „מעטאָדיק פון אַריפמעטיק אין דער עלעמענטאַרער שול" האָט געלייענט דער פּראָפעסאָר פון פּעטערבורגער אוני־ווערסיטעט טואַווים, פּסיכאָלאָגיע האָט געלייענט דער פּראָפעסאָר מאַ־לינין פון אָדעסער אוניווערסיטעט, אַ באַגאַבטער לעקטאָר. נאַטורוויסנ־שאַפט מיט דער באַגלייטונג פון עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָרישער אַרבעט איז אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט געווען. עס האָבן ניט אויסגע־

פעלט קיין מיקראָסקאָפּן פאַר אַלע אָנטיילנעמערס אין דער אַרבעט, וועלכע עס האָט אויסגעבאָרגט דער אָדעסער אוניווערסיטעט. מעטאָדיק פון ידישער געשיכטע האָט געלייענט דער לערער פון די גראָדנער קורסן, דאָקטאָר טשאַרני. בכלל קען מען זאָגן, אַז די דאָזיקע צייטווייליקע דערגאַנצונג־קורסן זיינען בשום אופן ניט געווען ערגער, ווי ענלעכע לערער־קורסן אין וועלכן עס איז מערב־אייראָפּעאישן אוניווערסיטעט.

געקומען זיינען אויף די קורסן פון פאַרשיידענע געגנטן איבער הונדערט לערערס. מער, ווי פון אומעטום זיינען געווען פאַרטראָטן לערערס פון אוקראַינע און דרום־רוסלאַנד : פון סימפעראָפּאָל, מע־ליטאָפּאָל, אָדעס, יעליסאַווועטגראַד, אַלעקסאַנדריע (כערסאָנער געגנט), אַקערמאַן, פּאָלטאַווע, קרעמענטשוג, וואָלינער געגנט, ווילנע, פּרוזשאַן, וויטעבסק, ליובאַוויטש און אַ סך אַנדערע מקומות.

ס׳איז געווען אַ נחת צוצוקוקן זיך, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט די לערערישע יוגנט פלעגט אויסהערן די לעק־ציעס, פאַרצייכענען נאָטיצן, טיילן זיך מיט איינדרוקן פון די לעקציעס. איך בין ממש געווען איבעראַשט פון דער סאָלידער פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג, באַזונדערס פון די לערערינס פון דרום־רוסלאַנד. אמת, די מערהייט לערערינס האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות צו די פּראָ־בלעמען פון אַ יידישער שול, אייניקע האָבן צומאָל קיין יידיש ניט געקענט, אָבער פלעגן וואָרעם אויפנעמען די אידעע פון אַ יידישער שול אין פּריוואַטע געשפּרעכן, באַראַטונגען, וואָס ס׳איז זעלטן געלונגען צו אָרגאַניזירן אויף די קורסן, וואָרעם דער שול־אינספּעקטאָר פלעגט זעלטן־ווען פאַרלאָזן די קורסן.

ס׳זיינען צווישן די קורסאַנטן געווען פאַרביסענע העברעאיסטן, וואָס פלעגן מיט חוזק און ביטול צוהערן זיך צו די רייד פון די יידי־שיסטן, אָדער די יידישיסטישע גענעראַלן, ווי חיים פיאַלקאָוו, דער אָרגאַניזירער פון די קורסן, האָט באַצייכנט די אָנהענגער פון אַ יידי־שער שול.

די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט זייער פריינדלעך אויפגענומען

די „יידישיסטישע גענעראַלן״, ווי דאָס האָט באַוויזן די אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די צוהערערס פון די קורסן.

די קליינע גרופּע, וואָס האָט דורכגעפירט די אַנקעטע איז באַשטאַנען פון יאַכינסאָן (סימפעראָפּאָל), מערעזשין (אָדעס), דעם פאַרשטאָרבענעם שלמה באַסטאַמסקי, קאַזאַקעוויטש פון יעקאַטערינאָסלאַוו, שפּעטער אַ באַקאַנטער טוער אין די שולן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, גילינסקי און מיין וויניקייט. אָפּגעדרוקט די אַנקעטע־בויגנס האָט מערעזשין מיט דער הילף פון אַ יידישן זעצער אין ביאַליקס דרוקעריי.

די אויפגאַבע אונדזערע איז געווען פעסטצושטעלן, ווי באַציען זיך די לערערס פון די געזעלשאַפטלעכע שולן צו דער אידעע פון אַ יידישער שול מיט יידיש אַלס די אונטעריכט־שפּראַך.

צום באַדויערן זיינען די אַנקעטע־בויגנס פאַרפאַלן געוואָרן. ווען איך בין נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק פון וואַרשע, האָב איך די אַנקעטע־בויגנס איבערגעלאָזן ביי גילינסקין.

אָבער פון דעם, וואָס ס׳איז פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון, געדענק איך, אַז איבער זעכציק פּראָצענט קורסאַנטן האָבן אין די ענטפערס אויסגעדריקט זייער באַגער, אַז יידיש זאָל זיין די אונטעריכט־שפּראַך פון אַלע לימודים אין דער יידישער פאָלקשול. און דאָס איז ניט געווען בלויז אַ פרומער וואונטש, נאָר אין אייניקע שולן האָט מען שוין דעמאָלט ניט נאָר איינגעפירט יידיש ווי אַ לימוד, נאָר יידיש איז שוין געווען די אונטעריכט־שפּראַך פון יידישער געשיכטע, אַריפמעטיק אין די שולן אין פּאָלטאַווע, סימפעראָפּאָל, ליובאַוויטש, אַלעקסאַנדריע, אַקערמאַן און אַנדערע מקומות.

איידער די קורסן האָבן זיך פאַרענדיקט האָבן מיר באַשלאָסן צו באַזוכן דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס האָט דעמאָלט פאַרבראַכט דעם זומער ביים ברעג פון שוואַרצן ים. ס׳איז געווען אַ ליכטיקער זומערטאָג, שבת פרי, מיר זיינען מיטן טראַמוויי געפאָרן ביז צו דער צוואַנציקסטער סטאַנציע. אָבער שוין אין מיטן וועג האָבן מיר באַמערקט אויף די סטאַנציעס

אַ סך פּאָליציי, און ווען מיר זיינען אַרויס אויף דער צוואַנציקסטער סטאַנציע, איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז פּאָליציי האַלט אַן אויג אויף אונדז. דער עולם האָט זיך גענומען צוריקציען, איז פאַרשוואונדן.

פאַרבליבן בין איך נאָר מיט שלמה באַסטאָמסקין. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און באַזוכן מענדעלען. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער ווילע, האָבן מיר גלייך באַמערקט מענ־דעלען אונטער אַ בוים אין גאָרטן.

פאַרגעשטעלט זיך ווי לערערס, וואָס באַזוכן די קורסן, האָבן מיר פון אָנהייב אָנגעטראָפן אויף ניט קיין איבעריק וואַרעמען קבלת־פנים. אָבער ווען מענדעלע האָט אין פאַרלויף פון געשפּרעך זיך דער־וואוסט, אַז די באַזוכערס זיינען ניט קיין לערערלעך, נאָר לערערס מיט דיפּלאָמעס, האָט זיך דער טאָן געענדערט. מענדעלע האָט באַפוילן אָנצושטעלן דעם סאַמאָוואַר, מכבד געווען מיט טיי.

מענדעלע איז אַליין געווען אַ לערער. ער האָט נאָך דעמאָלט אָפיציעל פאַרנומען דעם פּאָסטן פון פאַרוואַלטער פון אָדעסער תלמוד־תורה. פון אופן פון זיין ריידן און מסביר זיין אַן ענין האָט מען געזען, אַז מענדעלע איז אַ פּעאיקער לערער. ווען דאָס געשפּרעך איז אַרי־בער אויף דער טעמע: די יידישע שול, ווי דער יסוד פון יידישן קולטור־נאַציאָנאַלן לעבן, האָבן מיר ביי מענדעלען קיין גרויס התפּעלות ניט אַרויסגערופן. מענדעלע איז געווען כולו ספקות...

די שולן בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ מלחמה איז אויפן שוועל. ליכטיקע זומער־טעג, שפּאַצירן אין סאָסנאָוון וואַלד, ביכער, גע־שפּרעכן מיט נאָענטע פריינד—און אַפילו נאָך די סאַראַיעווער געשעעניש האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דער שטורעם וועט אויסברעכן.

זיץ איך מיר גאַנץ געמיטלעך אויף דער ווערענדע פון דער קאַוויאַרניע ביי דער אַטוואָצקער באַן־סטאַנציע, טרינק קאַווע און באַמי זיך אַפילו ניט צעעפענען די פרימאָרגנדיקע צייטונגען.

פלוצלונג קומט צו האַסטיק מיין פריינד האַלפערן, דער פאַר־וואַלטער פון דעם „בית־הספר לגננות", די שול, וואָס גרייט צו העברע־אישע קינדער־גערטנערינס, און טוט אומרואיק אַ פרעג: „האָט איר שוין געלייענט די פרימאָרגנדיקע נייס?"

איך צעעפן דעם „קוריער וואַרשאַווסקי". יאָ, רוסלאַנד האָט דערקלערט קריג עסטרייך. איך האָב אויפגעציטערט.

— איר ווייסט, הורוויץ, — זאָגט דער שטענדיק רואיקער און צוריקגעהאַלטענער האַלפערן, דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אַ שטורעם, וואָס וועט אויפטרייסלען די וועלט...

און צו מאָרגנס פרי זיינען מיר שוין מיט אונדזערע פעקלעך ביי דער סטאַנציע. מ'וואַרט לאַנג אויפן צוג. פאַרביי גייען מיליטערישע

עשאַלאָנען. פּלאַטפאָרמעס מיט שווערע האַרמאַטן באַוואַכט פון סאָל־דאַטן מיט אַנטבלויזטע שווערדן.

געקומען אויף מיין אַלטער דירה אין וואַרשע, אויף לעשנאָ גאַס, דערוויס איך זיך, אַז איך האָב שוין קיין דירה ניט. די באַלעבאַטים פון דער דירה, וואָס זיינען פאַרבונדן געשעפטלעך מיט רוסלאַנד און האָבן אַ זון אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין אוניווערסיטעט און אַ טאָכטער אויף די פרויען־קורסן, פאָרן מאָרגן אַוועק קיין כאַרקאָוו.

דער יידישער עולם איז צעטומלט. אַ שטאָט, וואָס לעבט נאָר מיטן כוח פון ריזיקן רוסישן מאַרק, פילט, אַז ס'קומען אָן שווערע צייטן. איך שלאָף איבער די נאַכט אויף די האַרטע בענק פון דער שול „חנוך־ילדים" צוזאַמען מיטן פאַרוואַלטער גילינסקי.

די שולן האָבן זיך נאָך ניט געעפנט. אַ טייל פון זיי איז פאַרנומען מיט מאָביליזירטע סאָלדאַטן. איך האָב גענוג פרייע צייט און האָב פאַרענדיקט אַ נייעם ביכל פון דער סעריע: „די מוטער נאַטור". גיי איך צו האַלטערס דרוקעריי, וואו דאָס ביכל ווערט אויסגעזעצט. און פּלוצלונג זע איך אַ געזעמל מענטש לייענט ניי אויסגעקלעפּטע מעלדונגען: אַ מאָביליזאַציע פון רעזערוו פאַר עטלעכע יאָר. און מיין יאָר בתוכם. איך באַשליס בשום אופן ניט שטעלן זיך אין די רייען פון די קעמפערס פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד. אַ פאַרטראַכטער וואַנ־דער איך איבער די גאַסן און קום צום ווינקל גענשע און דזשיקע. באַשליס איך אַריינצוגיין און געזעגענען זיך מיט דעם מוכר־ספרימניק לעווין־עפּשטיין, מיין פאַרלעגער. ער איז שטאַרק אויפ־גערעגט. מ'האָט נאָר וואָס אים אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און דער־ציילט, אַז מחנות היימלאָזע יידן פון שטעטלעך אין וואַרשעווער געגנט זיינען אָנגעקומען אין שטאָט. דערווייל האָט מען זיי באַזעצט אין אַ ליידיק הויז ערגעץ אויף לעשנאָ גאַס. גיי איך צוזאַמען מיט אים. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום הויז האָבן מיר דערזען קופּקעס יידן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס זיצן אויפן הויף, אויף די טרעפּ. דער צווייטער שטאָק איז פאַרנומען געווען מיט פרויען און זייערע קינדער.

די עופּהלעך קלאַמערן זיך צו זייערע מוטערס, שרייען, וויינען. די אַרמיי האָט זיי פּאַר טאָג אַרויסגעטריבן פון די שטעטלעך האַלב נאַקעטע, הונגעריקע. אין דעם גערדרענג האָב איך פּלוצלונג באַמערקט י. ל. פּרצן מיט זיין שטענדיקן באַגלייטער, דינעזאָנען. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען פּרצן אין אַזאַ צושטאַנד: די אויגן האָבן געברענט, גע־שפּריצט פונקען. איינגעהילט אין זיין פּעלערינע האָט ער געשפּרייזט פון איין קופּקע פּרויען צו דער צווייטער, פון איין ווינקל צום צווייטן, גערעדט, געטרייסט, געגלעט די קינדערשע קעפּלעך.

אין דעם ווייטן ווייסרוסישן שטעטל

עס זיינען דעמאָלט פאַרבליבן בלויז שאָטנס פון דעם טיף איינ־געוואָרצלטן יידישן לעבן, פון די ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן גע־לעבט און געווירקט אין ווייסרוסלאַנד...

די מלחמה האָט אַריינגעטראָגן גרויס צערודערונג אין לעבן פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געזוכט און ניט געפונען צו וועמען זיך צוצוטוליען. אין דעם שטעטל איז געווען אַ צאָלרייכע אַרבעטער־יוגנט, ווייל חוץ די בייטערקעס, שניידערקעס, זאָקנמאַכערקעס וכדומה האָבן אַ סך יידישע מיידלעך געאַרבעט אין די צוויי גרויסע שוועבעלעך־פאַבריקן.

האָב איך באַשלאָסן צו באַקענען זיך מיט דער אָרטיקער אַרבעטער־יוגנט. באַקאַנטע האָבן איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג אויף אַ גאַנץ קאָנספּיראַטיווון אופן ערגעץ אין אַ זייטיקן געסל, אין אַ „זאַוואולעק״, אין אַ חרובן הויז. ביים שיין פון אַ קעראָסין לעמפּל האָבן זיך פאַר־זאַמלט אַן ערך זעכציק בחורים און מיידלעך. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט מיידלעך זיינען פולשטענדיקע אַנאַל־פאַבעטן, ניט קיין יידיש און ניט קיין רוסיש. היינט דאָס יידיש זייערס! „נאָ פּרימער״, „די פּריטשינע״, „פּאָזוואָליעט מיר״, „עס פּאָלאַגאַיעט זיך״ און אַזוי כסדר.

מיר האָבן זיך באַמיט איינצואָרדענען גרופּעס אויף צו לערנען יידיש. ס׳האָבן אָבער געפעלט לערערס, וואָס זאָלן אָנפירן מיט די גרופּעס. מיט דעם צענדליק בחורים, וואָס האָבן געלייענט אַ יידיש בוך, פלעג איך זיך טרעפן יעדן שבת. איינער פלעגט פאָרלייענען רייזענס אַ דערציילונג. איך פלעג פירן מיט זיי אַ שמועס, געבן דער־קלערונגען.

דערווייל האָט די כוואַליע היימלאָזע גענומען דערגרייכן ווייס־רוסלאַנד. ס׳איז אין דעם שטעטל געגרינדעט געוואָרן פון „אָזע״ אַ יידישער קינדערהיים אונטער דער אָנפירונג פון צוויי לערערינס, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם קיעווער פרעבל־אינסטיטוט. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע קינדערהיימען אין 1915 יאָר, און איך האָב זוכה געווען צו מאַכן „שהחינו״, קלייבן נחת, זען און הערן, ווי דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך, זינגט און אַרבעט. די לערערינס, אויסגעצייכנטע קינדער־גערטנערינס, האָבן אָבער זייער שוואַך באַ־הערשט יידיש, וויניק באַקאַנט געווען מיט דער יידישער ליטעראַטור. די קינדער־שפּילן, דאָס געזאַנג זיינען געווען קאָפּיעס פון רוסישע קינדער־שפּילן, ווי „קאַראַוואַי״ און ענלעכע. איך האָב זיך באַמיט אויסצוגעפינען פאַר די לערערינס יידישן מאַטעריאַל פאַר קינדער פון פאַרשול־עלטער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ יקר־המציאות אין דער יידישער ליטעראַטור.

צווישן דער אָרטיקער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך מתעסק געווען אַרום דער קינדערהיים, איז געווען רבקה לעווין, איצט אין ניו־יאָרק.

פון מיין אַלטן פריינד, דעם העברעאישן לערער זילבערמאַן, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון כאַרקאָוו. ער שרייבט מיר, אַז חיים פיאַל־קאָוו פרעגט זיך נאָך אויף מיר. די חברה מפיצי־השכלה, וואָס האָט גענומען עפענען שולן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע איבער גאַנץ רוסלאַנד, נייטיקט זיך שטאַרק אין לערערס.

און באַלד האָב איך פון פּיאַלקאָוון אַליין באַקומען אַ זייער פריינד־לעכן און וואַרעמען בריוו. ער בעט מיך איך זאָל באַזוכן גראָדנער געגנט, וואו עס האָבן זיך פאַרהאַלטן הימלאָזע, וואָס ווילן זיך ניט רירן פון אָרט, זיי וואַרטן ביז די דייטשן וועלן באַזעצן די מקומות און זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צוריקקערן זיך צו זייערע אַלטע היימען. ער וויל, אַז איך זאָל אָרגאַניזירן שולן פאַר די קינדער פון די הימלאָזע.

אין מינסק האָב איך זיך באַזאָרגט מיט „אייזערנע" דאָקומענטן ביי איינעם פון די „מעשטשאַנסקע סטאַראָסטעס" פון אַ שטעטל אין ווילנער געגנט. איך האָב באַזוכט דעם גראָדנער אומגעגנט, די שטעט־לעך אָזיאָרי, לוני, סקידל, זשאַלודאָק און אַנדערע. די צאָל הימלאָזע אין די שטעטלעך, חוץ סקידל, איז געווען אומבאַדייטנדיק. די יינגלעך האָבן געלערנט אין די חדרים. עס איז אָבער נייטיק געווען צו עפענען אַ קינדערהיים. איך האָב געשריבן פּיאַלקאָוון, אַז ער זאָל וועגן דעם ענין שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט „אָזע" און אַליין האָב איך זיך געלאָזן אין וויטן וועג אַריין, קיין כאַרקאָוו.

די כוואַליע הימלאָזע פון קאָוונער, לאָמזשער, סואוואַלקער געגנטן האָט שוין דערגרייכט די מקומות. די הימלאָזע זיינען באַזעצט געוואָרן אין די שטעט פון כאַרקאָווער געגנט. אומעטום זיינען געגרינדעט געוואָרן שולן פאַר קינדער פון שול־עלטער און קינדערהיימען פאַר קינדער פון פאַר שול־עלטער. אין אַזאַ שטאָט, ווי אַכטירקע, מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער זעכציק טויזנט אוקראַינער, האָבן געלעבט סך־הכל אַכט יידישע משפחות: אַ דענטיסט, אַן אַפּטייקער, אַ דאָקטאָר, אַ בלעכער, צוויי שניידערס מיט קראָמען פון פאַרטיקע מלבושים, אַ רייכע משפחה פון אַ געוועזענעם ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט. ס'זיינען אָנגעקומען אַהער איבער צוויי הונדערט הימלאָזע יידישע משפחות. דאָס גאַנצע שטעטל פּומפּיאַן פון סואוואַלקער געגנט מיטן אַלטן רב בראש. ניט נאָר זיינען פאַר די יידן באַזאָרגט געוואָרן דירות, שפּייז,

מלבושים, נאָר אויך אַלע זייערע גייסטיקע הצטרכותן: אַ שול, אַ קינדער־היים, אַ בית־מדרש. דאָס הויז פאַרן בית־מדרש אין מיטן שטאָט האָט באַזאָרגט פאַר די היימלאָזע יידן דער „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ", דער מאַיאָר, וועמעס זיידע האָט געשטאַמט פון אַ געוועזענעם קאַנ־טאָניסט.

ווען איך האָב געפרעגט דעם דירעקטאָר פון די גראָדנער לערער־קורסן, דעם דאָקטאָר כהנשטאַם, וואָס האָט צוזאַמען מיט חיים פיאַלקאָוון אָרגאַניזירט די שולן פאַר די היימלאָזע קינדער, אויף וואָס פאַר אַ יסודות ווערן די שולן געבויט, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט: „דאָרטן, אין צענטער, גייען נאָך אָן עד־היום היציקע וויכוחים וועגן יידיש־העברעאיש. דאָ, אויף די ערטער, האָבן מיר קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און אָן שום טענות און מענות אַריבער אויף יידיש. מיר האָבן ניט געמאַכט קיין טעות. יידן שיקן גערן זייערע קינדער אין די שולן און די קינדערהיימען. מיר ענדערן בהדרגה דעם אופן און סדר־הלימודים פון טראַדיציאָנעלן חדר. מיר הייבן אָן מיט יידיש, וואָס איז די אונטעריכט־שפּראַך פון אַלע לימודים. העברעאיש ווערט געלערנט פון צווייטן שול־יאָר, תנך און יידישע געשיכטע אין די עלטערע קלאַסן. דאָרטן, וואו די עלטערן פון די קינדער ווילן דווקא דעם אַלטן חדר, אָרגאַניזירן מיר פאַר זיי אַ חדר. אמת, דערווייל איז דאָס אַן עקספּערימענט, וואָס די מלחמה האָט אויף אונדז אַרויפגע־צוואונגען. ווי לאַנג וועט דער עקספּערימענט געדויערן ווייס איך ניט, ווייל מיר ווייסן ניט, וואָס דער מאָרגן וועט אונדז ברענגען. ביז אַהער בין איך געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון דער אַזוי גערו־פענער יידישיסטישער שול, ווייל המשך און טראַדיציע זיינען אומבאַ־דינגט נייטיק פאַרן קיום פון אַ נאַציאָנאַלער פאָלקשול. איצט מוזן מיר איינגיין אויף אַ פּשרה."

ביי דעם געשפּרעך איז דערביי געווען חיים פיאַלקאָוו. ער האָט וויניק גערעדט. מער געשוויגן. אָבער פון זיינע קורצע באַמערקונ־גען האָב איך געזען, אַז דאָס איז שוין ניט דער זעלביקער פאַרביסענער

קעגנער פון דער יידישיסטישער ריכטונג. אַנדערע צייטן, אַנדערע לידער...

אַגב־אורחא ווייל איך דאָ דערמאָנען דעם דאָקטאָר כהנשטאַם, איצט שוין אַ שוכן־עפר. איך בין אַ געוויסע צייט ניט זיכער געווען אין כאַרקאָוו מיט מיינע „אייזערנע דאָקומענטן״. אין אַ האָטעל האָב איך ניט געוואָלט גיין. ווייל מ׳האָט שטאַרק געפאָרשט און אונטערזוכט די דאָקומענטן. אפילו גאַר נאָענטע מענטשן האָבן מורא געהאַט מיך אַריינצונעמען. ווען דער דאָקטאָר כהנשטאַם האָט זיך דערוואוסט פון מיין לאַגע, האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו פאַרנעמען אַ צימער אין זיין דירה פאַר איבער אַ וואָך צייט...

ס׳איז באמת געווען אַ נחת־רוח צו זען, מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש די שול־אַרבעט ווערט געטאָן אין די זייער שווערע באַדינגונגען פון היימלאָזיקייט, ניט־זיכערקייט אין אַ פרעמדער, אָפט פיינטלעכער סביבה.

אין באָגאָדוראָוו, ניט ווייט פון כאַרקאָוו, זיינען נאָר־וואָס אָנגע־קומען איבער אַ הונדערט יידישע משפחות. אין אַ וואָך נאָך זייער אָנקומען איז געעפנט געוואָרן אַ קינדערהיים און באַלד נאָך דעם אַ שול. די זייער יונגע פאַרוואַלטערין פון דעם קינדערהיים האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט דעם קיעווער פרעבל־אינסטיטוט. און איך האָב ממש באַוואונדערט מיט וואָס פאַר אַ ליבע זי האָט אַרומגערינגלט די קינדער, וואָס האָבן נאָר־וואָס פאַרבראַכט איבער צוויי וואָכן צייט אין די באַרימטע רוסישע משא־וואַגאָנעס. נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין קינדערהיים פלעגט זי זיך אין אָוונט אַריינכאַפּן אין די אָרעמע דירות העלפן וואַשן און צוואַגן די עלטערע, קראַנקע פרויען. דאָס איז ניט געווען קיין אויסנאַם. איך האָב שפּעטער דאָס זעלביקע גע־זען אין ניזשני־נאָווגאָראָד און אַנדערע מקומות.

אין דער קינדערהיים האָב איך געזען, ווי אַזוי ס׳ווערט אין פּראָצעס פון דער אַרבעט געשאַפן דער נייטיקער לערן־מאַטעריאַל פאַר

דער קינדערהיים. עמעצער האָט פון כאַרקאָוו צוגעשיקט דעם טעקסט פון אַ קינדער־ליד פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר:

„קינדער שפּילן זיךביים טייכל
ס'איז זיי פריילעך גאָר אַ מאכל
און אין טייכל אויף אַ שטיין
ליגט אַ העכט און שלאָפט אַליין.

אַלע קינדערלעך די שיינע
אַלע שטיפערלעך ווי איינע
קומען צו צום העכט אַזוי
אים צו וועקן מיט געשריי.

און דער העכט האָט זיך צעבייזערט
ווייל ער איז אַ שלעכטס אַ גרויסער,
— ווי האָט איר געוואַגט אַזוי
מיך צו וועקן מיט געשריי".

די לערערין האָט אויסגעלייגט אויף נאָטן אַ פריילעכן מאָטיוו פאַר דעם ליד, פלעגט עס באַגלייטן אויף דער פּיאַנאָ, און די קינדער פלעגן עס מיט גרויס חשק נאָכזינגען. איך האָב שפּעטער געהערט דאָס לידל אין אַנדערע קינדערהיימען.

אין דעם אויבנדערמאָנטן שטעטל אַכטירקע האָט מען געזונגען אַ ליד אויך פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר:

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע בין
געפלויגן, געפלויגן אַהער און אַהין.

די שול האָט אַריינגענומען אַלע קינדער פון שול־עלטער — זי־בעציק יינגלעך און מיידלעך. די יינגלעך אין די צוויי עלטערע קלאַסן,— געוועזענע תלמידים פון חדרים אין ליטווישע שטעטלעך. אין פאַר־לויף פון עטלעכע וואָכן האָט מען די קינדער ניט געקענט דערקענען.

צוויי מאָל אַ טאָג פלעגן זיי באַקומען: מילך, ברויט מיט פוטער, אייער, און ווי נאָר ס'זיינען אין די אַרומיקע סעדער צייטיק געוואָרן יאַגדעס האָבן די קינדער באַקומען גענוג טרושקאַווקעס, מאַלינעס...

די הפסקות פלעגן די קינדער פאַרברענגען אויפן גרעאַמען הויף, שפּילן זיך, אויפגראָבן בייטן, פלאַנצן גרינס, בלומען, און ווען די קונדסים האָבן זיך דערוואוסט, אַז ס'זיינען פאַראַן נאַכט-בלומען, וואָס צעעפענען זיך, ווי נאָר די ערשטע נאַכט-שאָטנס הייבן זיך אָן שפּרייטן אויף דער ערד, פלעגן זיי קומען צולויפן, אויסציען זיך אויף דער ערד אַרום די בלומען-בייטן און מיט זייערע אייגענע אויגן זען, ווי זיי צעעפענען זיך...

פון אָנהייב האָט דער אַלטער פּומפּיאַנער רב מבטל געמאַכט דעם גאַנצן ענין. „פּעדאַגאָגיק-שמעדאַגאָגיק" פלעגט ער אָוועקמאַכן מיטן האַנט. אָבער ווען ער האָט זיך מיט נאָך אַ רב פון אַ ליטוויש שטעטל אַריינגעכאַפּט אין שול, ווען דער לערער איז אויף אַ פּאָר טעג אַוועק קיין כאַרקאָוו, האָט פאַרהערט די עלטערע תלמידים און איבערצייגט זיך, אַז זיי זאָגן, ווי אַ וואַסער, די סדרה פון דער וואָך מיטן פּרוש-המלות ניט ערגער, ווי אין זיין היימישן שטעטל, האָט ער צומאָרגנס אַריינגעשיקט זיינע צוויי אור-אייניקלעך אין שול...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס לענגער די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן אַלץ גרעסער איז געוואָרן די כוואַליע פון היימלאָזע יידן, וואָס האָט זיך געצויגן פון גאַנץ ליטע, ווילנער, טיילוויז גראָדנער, מינסקער, וואָלינער געגנטן, בתוכם אַ סך יידן פון גאַליציע, וואָס ניקאָלאַיס „זיגרייכע" חיילות האָבן פאַר-טריבן פון זייערע היימען. די צוגן מיט היימלאָזע יידן האָבן שוין דער-גרייכט די אַרומוואָלגער, וואָלגער געגנטן, אוראַל, אַריבערגעשפּאַנט אַזש קיין מערב-סיביר. און וואוהין די כוואַליע האָט ניט דערגרייכט איז אין אירע פוסטריט נאָכגעגאַנגען דער יידישער לערער, קינדער-גערטנערין.

צום באַדויערן איז דער רייכער אַרכיוו פון דער חברה מפיצי-

השכלה פאַרזיגלט פאַר אונדז. ס׳פעלן גענויע ידיעות פון דער גרויסער קולטור־אַרבעט, וואָס ס׳איז אויפגעטאָן געוואָרן אין יענע שווערע צייטן. מ׳מוז זיך פאַרלאָזן אויפן זכרון, אויף פערזענלעכער דערפאַרונג.

פון וואַנען האָט די בילדונג־געזעלשאַפט גענומען מיטלען פאַר די שולן? די הויפּט־הכנסה איז געקומען פון דעם אַזוי גערופענעם „טאַ־טיאַנעס־קאָמיטעט״, וואָס די רעגירונג האָט געשאַפן אויפן נאָמען פון צאַר ניקאָלאַיס טאָכטער, טאַטיאַנע, און וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן די שולן פאַר די היימלאָזע. יעדער לערער, וואָס האָט געאַרבעט אין די שולן פאַר היימלאָזע, האָט געמוזט יעדן חודש אונטערשרייבן אַ קבלה פאַר זיין געהאַלט.

די קינדער־היימען זיינען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון „אָזע״, וואָס פלעגט באַקומען אירע מיטלען פון די יידישע הילף־קאָמיטעטן.

ווער זיינען געווען די לערערס פון די שולן? זיי זיינען טיילווייז געווען לערערס פון די געוועזענע רעגירונג־שולן פאַר יידישע קינדער, מערסטנס מיט דיפּלאָמען פון ווילנער לערער־אינסטיטוט. דער צוויי־טער באַדייטנדיקער טייל איז געקומען פון די גראָדנער לערער־קורסן, וואָס האָבן געווייניטלעך אָנגעפירט מיט די יידישע לימודים: יידיש, העבראעיש, יידישע געשיכטע, תנך.

נאַטירלעך איז פאַר די לערערס פון די „קאַזיאָנע״ שולן שווער געווען אַריבערצוגיין אויף יידיש, באַהערשן דעם לימוד פון אַריפמע־טיק, געאָגראַפיע מיט דער יידישער טערמינאָלאָגיע. קיין פעסטגע־שטעלטע יידישע טערמינאָלאָגיע פון די לימודים איז דעמאָלט נאָך ניט געווען, מ׳האָט געמוזט אַרבעטן, פאָרשן, זוכן. דער לערער זאַריצקי פון סאַמאַרע, איך גלייב, אַז דאָס איז געווען דער מחבר פון דער יידישער גראַמאַטיק, האָט מיר געשריבן אין 1916 יאָר וועגן מיטאַרבעטן אין אויסאַרבעטן די יידישע טערמינאָלאָגיע. אָבער נאָך דער רעוואָלוציע האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַרבינדן זיך מיט אים.

פסח־צייט איז אין כאַרקאָוו, אין 1916 יאָר, פאָרגעקומען אַ באַ־ראַטונג פון לערערס. איך האָב געהאָפט, אַז דאָרטן וועט מען זיך לכל־הפחות טיילווייז פאַרנעמען מיט קאָנסטרוקטיווע פעדאַגאָגישע פּראָ־בלעמען. איין טאָג האָט מען דעבאַטירט, ווי ס׳פּירט זיך, יידיש־העברעאיש, אויפן דריטן טאָג איז דער רבנישער צד אַרויס מיט טענות וועגן רעליגיע. אַזוי אַרום האָט די באַראַטונג ווייניק וואָס געקענט דערגרייכן . . .

די שולן אין ניזשני-נאָווגאָראָד

אין זומער 1916 יאָר בין איך פון כאַרקאָוו געפאָרן קיין פעטראָ־גראַד. אונטערוועגנס האָב איך באַזוכט ניזשני־נאָווגאָראָד, וואו ס'האָבן געאַרבעט עטלעכע באַקאַנטע לערערס. ניזשני־נאָווגאָראָד האָט פאַר־מאָגט דריי שולן אין שטאָט, נאָך אַ שול אין אַ דאָרף ניט ווייט פון שטאָט און אַ גרויסע קינדער־היים.

די יונגע ענערגישע לערערס זיינען בלב־ונפש איבערגעגעבן געווען זייער אַרבעט און זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך באַמיט אויסברייטערן די פּראָגראַם, איינפירנדיק נאַטור־וויסנשאַפט אין די עלטערע קלאַסן. אַ טייל פון די לערערס האָט פליסיק געאַרבעט איבער דער טערמינאָלאָגיע פון אַריפמעטיק, נאַטור־וויסנשאַפט. פאַר דער מלחמה זיינען אין רוסלאַנד דערשינען אויסגעצייכנטע לערן־ און לייען־ביכער וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און דער מעטאָדיק פון דעם לימוד אין דער עלעמענטאַרער שול. ס'איז געווען פון וואָגן צו זאַמלען און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל.

איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דעם אויפ־געזאַמלטן מאַטעריאַל, ווייל איך האָב אין פאַרלויף פון איבער אַ וואָך באַזוכט די קלאַסן אין די שולן. איך האָב געקענט פאַרגלייכן דעם מאַטעריאַל מיט דעם, וואָס דער לערער פיינבערג האָט אויסגעאַרבעט מיט יאָרן צוריק אין וואַרשע.

די יידישע אָרטאָגראַפיע איז דעמאָלט געווען זייער פאַרעלטערט. די לערן־ און לייען־ביכער, מיט וועלכע מ׳האָט זיך באַנוצט אין די שולן, מיט דער אויסנאַם פון קלעצקינס אויסגאַבן, וועלכע האָבן שוין פאַר דער מלחמה אַריינגעטראָגן אויסבעסערונגען אין דער אויסלייגונג, זיינען אויך געדרוקט געווען מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע. די לערערס האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם איבעריקן „באַלאַסט״, אַריבער טיילווייז צו דער פאָנעטישער אָרטאָגראַפיע, און אויב זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אין גאַנצן מאַכן שבת פאַר זיך, זיינען זיי געווען די ערשטע „רעפאָרמערס״.

שוין דעמאָלט האָט מען אָפּט גאַנץ היציק דעבאַטירט די פראַגע פון אויסלייגן די העברעאישע ווערטער. ס׳האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי מיינונגען. די איבערוועגנדיקע מערהייט האָט געהאַלטן, אַז די העברע־אישע ווערטער דאַרף מען שרייבן מיט דער העברעאישער אויסלייגונג, די מינדערהייט האָט געטענהט, אַז היות אין די שולן הייבט מען אָן מיט יידיש מוז מען, כדי צו פאַרגרינגערן די אַרבעט, אויך די העברעאישע ווערטער שרייבן מיט דער יידישער אויסלייגונג.

איך האָב אָנטייל גענומען מיט די לערערס און קינדער פון די שולן אין אַ שפּאַציר־רייזע איבער דער וואָלגע. די לערערינס פון קינדער־היים האָבן אָנגעפירט מיט די שפּילן און טענץ אויף דעם דעק פון שיף. מ׳האָט געזונגען לידער. אַ קליינע גרופּע קינדער האָט געזונגען העברעאישע לידער, וואָס דער לערער פון העברעאיש האָט מיט זיי איינגעשטודירט, און ווען זיי האָבן גענומען זינגען דעם באַ־קאַנטן חלוצישן ליד: „אנא, אחים, אל תנומו, לעבודתכם אנא קומו״, האָט דער לערער לעוויטאַן, אַ ברודער פון איינעם פון די גרינדערס פון דער דעמיעווקער שול, וואָס האָט זיך בכלל אויפגעפירט ווי אַ גאַנצער תקיף, אויפגעפאָדערט דעם לערער, אַז ער זאָל אויפהערן זינגען, און ווען יענער האָט ניט געפאָלגט, האָט לעוויטאַן מיט רציחה געוואָרפן זיך שלאָגן. מ׳האָט אים קוים אָפּגעריסן פון דעם דערשראָקענעם יונגן לערער.

פון ניזשני־נאָווגאָראָד קיין פעטראָגראַד. די הויפּט־שטאָט איז שוין דעמאָלט געווען אַ יורד. די מלחמה איז קענטיק געווען אויך אויפן באַרימטן „נעווסקי־פּראָספּעקט". און אויפן „זאַגאָראָדני־פּראָספּעקט", וואו די בילדונג־געזעלשאַפט האָט זיך אויפגעהאַלטן, איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט, מ'האָט געזוכט לערערס פאַר דער צעוואַקסענער נעץ שולן, מ'האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן די שולן מיט יידישע ביבליאָטעקן, נייטיקן לערן־ און לייען־מאַטעריאַל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ יקר־המציאות.

פון פעטראָגראַד מיטן באַן קיין ריבינסק, און פון ריבינסק מיט דער וואָלגע אַזש קיין סאַראַטאָוו. די שיף, וואָס האָט באַלאַנגט צו דעם אַזוי גערופענעם „פּריוויליקן פלאָט", איז געווען גרויס און אין בעסטער אָרדענונג. באַקוועמע קאַיוטעס (קאַבינעס) און נאַרהאַפטע שפּייז. אַפילו די באַרימטע סטיערליאַד־פיש־יויך האָט ניט געפעלט. פון דעק פון שיף האָט מען געקענט זען, ווי טייער רוסלאַנד צאָלט פאַר דער מלחמה. פון קאָסטראָמאָ ביז סאַראַטאָוו שיפן מיט פאַרוואונדעטע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אויפן טייך, ווייל ס'האָבן אויסגעפעלט שפּיטאָלן. אין סימבירסק זיצט לעבן מיר אויפן דעק אַן אונטעראָפיציר, וואָס פאַרט אַהיים אויף אורלויב, און ווען ס'דערטראָגט זיך פון ברעג דאָס געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן, שפּייט אויס דער אונטעראָפיציר און זאָגט: „אָטזוואָניוואַיוטסאַ", זיי האַלטן אין איין קלינגען.

אין סאַראַטאָוו דערציילט מיר דער לערער יאַבראָוו פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין די שולן. ער איז דער פאַרוואַלטער פון דער גרעסטער שול מיט איבער צוויי הונדערט תלמידים. איך באַזוך אַן אָנפאַנגער־קלאַס. אַ יונגער לערער מיט אַן אָפענעם ענערגישן פּנים, קלוגע שוואַרצע אויגן. עטלעכע און דרייסיק יינגלעך און מיידלעך. יידישע ליבע פּנימלעך. זיי האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיקט מיטן מיטיק. אַלע הייבן די הענטלעך, ווילן

מ׳זאָל זיי אַרויסרופן צום טאָוול. ס׳קומט אַרויס אַ מיידעלע, שרייבט קורצע זאַצן, אַ מעשה וועגן אַ ייִנגעלע מאָטעלע, לייענט געדרוקטע זאַצן פון אַ באַוועגלעכן אַלף־בית, מיט וועלכן דער יונגער לערער אָפּערירט זייער געשיקט. ס׳קומען אַרויס נאָך ייִנגלעך און מיידלעך צום טאָוול. שרייבן, לייענען. איך זע, אַז ס׳פעלן לערן־ביכלעך פאַר אַלעמען. צום סוף לייענט פאַר דער לערער שלום־עליכמס „טאָטעלע טוטאַרעטו״. איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ האַרציקן קינ־דערשן געלעכטער. די טיר פונעם שכנישן קלאַס צעעפנט זיך. עס קומט אַריין די לערערין און וויל וויסן, וואָס איז דאָ די שמחה אַזוי גרויס . . . אין איינעם פון די עלטערע קלאַסן אַ געאָגראַפיע־לעקציע. די טעמע: דער באַלטישער און שוואַרצער ימים, און ווי אַזוי זיי זיינען פאַראייניקט געוואָרן דורך וואַסער־קאַנאַלן. קענטיק, אַז דער לערער האָט שווער געאַרבעט איבער דער לעקציע, צוגרייטנדיק דעם מאַטעריאַל. די יידישע טערמינאָלאָגיע איז זייער אַ געלונגענע.

אין פענזע

פענזע, אַ שטאָט אין אַרום־וואָלגער געגנט, האָט אַריינגענומען איבער עלף טויזנט היימלאָזע יידן. ס׳רוב פון קאָוונער, טיילווייז פון ווילנער געגנט, אַ סך יידן פון דווינסק, אַ היפש ביסל גאַליציאַנער יידן, וואָס זיינען פאַריאָגט געוואָרן פון זייערע היימען.

ווען אַ ייד פלעגט פאַר דער מלחמה באַווייזן זיך אויף איינעם פון די פענזער וואָקזאַלן פלעגט מען אים אָן טענות און מענות גלייך אָוועקפירן צום פּאָליציימייסטער. איצט איז דאָס געוואָרן אַ יידיש שטאָט מיט בתי־מדרשים, מנינים, רבנים פון עטלעכע ליטווישע שטעטלעך.

די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַן ערך צוויי הונדערט יידישע משפחות תושבים, רייכע סוחרים, קרעמערס, אַ פּאָר פאַבריקאַנטן, דאָקטוירים דענטיסטן. ס׳איז געווען צו באַוואונדערן מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט די אָרטיקע, טיילווייז גאַנץ אַסימילירטע יידישע באַפעלקערונג, האָט אויפגענומען די פאַרוואָגלטע יידן, און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט זיי. און ניט נאָר אויף די נויטווענדיקע באַדערפעענישן, ווי ברויט, אַ דירה, מלבושים. ווען ס׳איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג אַ בקשה פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ צו זאַמלען באַשטייערונגען, האָב איך צוזאַמען מיט זרח גרינבערג, דעם לערער פון געשיכטע אין כאַיקינס רעאַל־גימנאַזיע, וואָס האָט זיך

עוואַקואירט אַהער פון מינסק, דער זעלביקער גרינבערג, וואָס איז שפּע־טער עולה־לגדולה געוואָרן ביי די באָלשעוויקעס,—צונויפגעזאַמלט אין פאַרלויף פון צוויי שעה איבער אַכט הונדערט רובל.

די שטאָט פּענזע האָט געשמט פאַר אַ קולטור־שטאָט מיט אַן איינפלוסרייכער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. דאָ איז געבאָרן געוואָרן דער באַרימטער רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער בעלינסקי. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך זייער טאָלעראַנט באַצויגן צו די הימלאָזע יידן. ניט אַכטנדיק אויף דעם אַנטיסעמיטישן סם, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין די מלחמה־געביטן, האָט ער זיך ווייניק וואָס אָנגעזען אין די מקומות. איך האָב ניט איין מאָל געזען, ווי אַ פּשוטע קריסטלעכע פרוי פלעגט אָפּשטעלן אַ יידיש קינד, וואָס איילט זיך אין פּראַסטיקן פרימאָרגן אין שול אַריין, פאַרשפּיליען אים די קנעפּלעך, אַרומוויקלען מיטן שאַליקל דעם האַלדז און אַריינרוקן אין די הענטלעך אַ בולקע.

אין 1916 יאָר האָבן די לימודים אין די שולן פאַר הימלאָזע קינדער זיך כמעט ווי איינגעשטעלט. ס׳זיינען אין פּענזע געווען דריי שולן, אַ גרויסע קינדערהיים, אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, לערן־וואַרשטאַטן פאַר שניידערקעס. אין איינער פון די שולן פלעגן יעדן שבת פאָרקומען לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע און פאָרלעזונגען פון יידישער ליטעראַטור, וואָס פלעגן באַזוכט ווערן פון עטלעכע הונ־דערט הימלאָזע יידן. ס׳האָט נאָך אָבער אַלץ אָנגעהאַלטן דער העברעאיש־יידיש שטרייט, וואָס האָט פּאַקטיש קיין מאָל ניט אויפגעהערט און, וואָס האָט גאַנץ אָפט אָנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמעס. דער העברעאישער לערער אין איינער פון די שולן האָט בתכלית־השנאה פיינט געהאַט יידיש, און האָט זיך באַמיט אויף שריט און טריט צו מאַניפעסטירן זיינע „איבערצייגונגען״. דער צד־שכנגד האָט, נאַטירלעך, רעאַגירט און צוריקגעצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע. ס׳איז קיין סוף ניט געווען צו דער מחלוקת, וואָס פלעגט זיך אַריבערטראָגן אין פּעדאַ־גאָגישן ראַט פון די שולן, אין דעם אָרטיקן הילף־קאָמיטעט און אַזוי

ווייטער און ווייטער. חוץ דעם זיינען אַפילו אין דער היימלאָזיקייט געוועזן עלטערן, וואָס האָבן פון דעם קליינעם ליטווישן אָדער ווייס־רוסישן שטעטל געבראַכט די בענקעניש נאָך דער רוסישער „גימ־נאַזיע", און האָבן זיך געסטאַרעט אַריינצוגעבן זייערע קינדער אין גימנאַזיע אָדער רעאַל־שול. פלעגן זיי טאַקע אין מיטן שול־יאָר אַוועק־שיקן זייערע קינדער אין דער שול, וואָס די אַלטע תּושבים האָבן אויסגעהאַלטן פאַר זייערע קינדער, און וואו די אַלגעמיינע לימודים זיינען געוועזן בשפת־המדינה...

אַזוי זיינען מיר פאַמעלעכקע אַריינגעפאָרן אין 1917 יאָר. זיצן מיר אַזוי אין אַ פראָסטיקן פעברואַר־אָוונט און צוזאַמען מיט די פאַר־שטייערס פון הילף־קאָמיטעט הערן אויס אַ באַריכט פון די שולן. פלוצ־לונג צעעפנט זיך די טיר, ס'קומט אַריין אַן אָנגעפעלצטער דער פאַר־זיצער פון הילף־קאָמיטעט. ער קומט פון פעטראָגראַד. דערציילט ער, אַז אין די גאַסן קומען פאָר באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן מיליטער, פאָליציי און אַרבעטערס. אַ רעוואָלוציע... האָט ער זיך צוגעאיילט קומען אַהיים צו זיין פאַמיליע.

און צומאָרגנס האָבן מיר שוין געלייענט די באַרימטע טעלעגראַמע: צו אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען... בלייבן אויף די פאָסטנס, פאָרזעצן די אַרבעט און אַזוי אַרום העלפן דער צייטווייליקער רעגירונג.

נאָך דער רעוואָלוציע

דערווייל זיינען די יידישע היימלאָזע געבליבן אויף די ערטער. זייערע היימען זיינען געווען אָקופּירט פון די דייטשן. און בכלל איז דאָס פאָרן מיטן באַן דעמאָלט געווען פאַרבונדן ממש מיט סכנת־נפשות. ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן די היימלאָזע גענומען ביסלעכווייז ציען זיך צו זייערע היימען. די יעניקע, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, האָבן שוין אין 1918 יאָר פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן רוסלאַנד. אין 1919 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די היימלאָזע צוריק אין זייערע אַלטע היימען. די שולן האָבן זיך גענומען אויסליידיקן...

אָבער אין פאַרלויף פון 1917־1918 האָבן די שולן נאָך אָנגעהאַלטן זייערע פּאָזיציעס. אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן זיך אַרויסגערוקט נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות. אין צענדליקער שטעט זיינען באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אַנטשטאַנען בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאָלפן ניט נאָר אויפצובויען די סאָוועטן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די סאָציאַליסטישע שטאָט־פאַרוואַלטונגען, נאָר אויך צו אָרגאַניזירן די יידישע קהילות אומעטום, וואו ס'זיינען נאָר געווען גרעסערע צאָלן יידישע היימלאָזע, און שפּעטער האָבן זיי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהילות אין מאָסקווע, אין 1918 יאָר. דער פּראָצענט פון די

שטימען, וואָס דער „בונד" האָט געצויגן אין די יידישע וואַלן איז קיין מאָל ניט געווען ווייניקער ווי 18, און האָט ערטערווייז דערגרייכט ביז איבער 30. חוץ דעם „בונד" האָבן אין די קהילות אָנטייל גענומען די אַלגעמיינע ציוניסטן, ערטערווייז פועלי־ציון, פאַראייניקטע (גע־ווענע ס. ס. און סיימאָווצעס), ווי אויך גרופּעס פרומע יידן בראש מיט די רבנים. קיין אגודת־ישראל איז אין דער היימלאָזיקייט נאָך ניט געווען בנמצא.

די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט זיך פון די הילף־קאָמיטעטן אַריבערגעטראָגן אין די קהילות. דער הויפּט־קוואַל פון דער הכנסה פאַר די שולן — דער „טאַטיאַנעס־קאָמיטעט" — איז באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אויסגעטריקנט געוואָרן. סובסידירן די יידישע שולן האָבן געזאָלט די נייע שטאָט־פאַרוואַלטונגען. זיי האָבן זיך אָבער ערשט גענומען אָרגאַניזירן אין מאַי, און די שטיצע זייערע איז אויך געווען מערניט ווי אויפן פּאַפּיר, פשוט מחמת דעם, וואָס זייערע געלט־מיטלען זיינען געווען מער ווי באַגרענעצטע. האָבן די קהילות געדאַרפט באַזאָרגן די שולן און ממילא האָט מען די שול־פראַגע גענומען דורכלופטערן אויף די זיצונגען פון די קהילות. צום וואָרט זיינען געקומען אַלע ריכטונגען אין יידישן לעבן. אויך דער רבנישער צד האָט זיך געלאָזט הערן. געדענק איך, ווי אַ פרומער לאָדזער ייד האָט פאָרגעשלאָגן, אַז בעת די פאַרהאַנדלונגען זאָל מען זיצן אין די היטלען, ווי קענען זיך יידן מתוכח זיין בגלוי־ראש. און ווען אַ ציוניסט איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיין פאָרשלאָג, האָט ער מיט רוגזה אויסגעשריען: „איר זייט ניט בעסער פון די פושעי־ישראל, די בונדיסטן". אין מער היציקע וויכוחים איז דערגאַנגען אַזש ביז וואַרפן זיך מיט טינטערס אין די קעפּ אַריין. אָבער דאָס זיינען געווען זעלטענע אויסנאַמען. בכלל איז די אַרבעט אין די קהילות געווען גאַנץ פרידלעך, ס'האָבן זיך איינגעשטעלט פריינדלעכע באַציאונגען צווישן די געגנערישע צדדים. אַפילו צווישן די פרומע יידן זיינען געווען מענטשן מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש, גאָרניט דער טיפּ פון

די קהלשע קליאַמקעס. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ווערט פֿון אַ יידי־שער פֿאָלקשול. געדענק איך גוט דעם רב פֿון דעם ליטווישן שטעטל אָבאָלניק, וואָס האָט ניט נאָר אַליין געשיקט זיינע קינדער אין דער יידישער שול, נאָר האָט כסדר געוויִרקט, אַז די היימלאָזע זאָלן ניט פֿאַרפֿעלן צו שיקן זייערע קינדער אין די שולן.

פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזען אין יענע יאָרן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די קהילה אין דער אַלטער היים האָט געקענט ווערן דער צענטער פֿון יידישן קולטור־נאַציאָנאַלן לעבן.

דער ערשטער לערער-צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד

דריי מיט אַ האַלב חדשים נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, אין מיטן יוני 1917 יאָר, איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס אין רוסלאַנד. יעדער צענדליק לערערס פון די שולן איז באַרעכטיקט געווען צו שיקן אַ דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר. עס האָבן אָנטייל גענומען די לערערס מערסטנס פון גרויס־רוסלאַנד, פון די שולן פאַר די היימלאָזע קינדער, ווייל פוילן, ליטע, טיילן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, בעסאַראַביע זיינען נאָך אָקופּירט געווען פון די דייטשישע אַרמייען. ס'זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אייניקע שטעט אין דרום־רוסלאַנד, פון קיעוו, די לערערס פון כהנס גימנאַזיע אין ווילנע, וואָס האָט זיך עוואַקואירט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. צום סוף פון צוזאַמענפאָר האָט זיך פון מינסק דורכגעריסן אַ פאָרשטייער פון די שולן ליימע ראָזענהאַוז.

געקומען זיינען אַן ערך 150 דעלעגאַטן. געשלאָפן האָט מען אין די „דאָרמיטאָריס" פון אַ פעטראָגראַדער מיטלשול. געגעסן האָט מען דעם „לחמא־עניא", דעם פאַיאַק־ברויט, וואו ס'איז געווען מער קלייען, ווי קאָרענע מעל.

גלייך פון אָנהייב האָט מען שוין געקענט זען, אַז קיין גרויסע מעשים וועט דער צוזאַמענפאָר ניט אויפטאָן אין די אויפגעברויזטע פאָליטישע ליידנשאַפטן פון לאַנד, באַזונדערס אין פעטראָגראַד, וואו

מ׳האָט שוין דעמאָלט דערוואַרט אַ באָלשעוויסטישן באַוואָפנטן אויפֿ־שטאַנד. מימינו, פֿון דער רעכטער זייט, האָבן זיך אויסגעזעצט די העברעאיסטן־ציוניסטן בראש מיטן דירעקטאָר פֿון ווילנער גימנאַזיע כהן. דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע, דיסציפּלינירטע גרופּע, וואָס האָט נאָכגעפֿאָלגט יעדן באַפֿעל פֿון זייער לידער. משמאלו, פֿון דער לינקער האַנט, זיינען געזעסן די יידישיסטן פֿון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, אַ מער יונגער און רירעוודיקער עלעמענט.

ווי ס׳פֿירט זיך האָט מען אָנגעהויבן פֿון באַגריסונגען. געזאָלט האָט באַגריסן דער ערשטער דער דאָקטאָר אייגער, דער פּאָרזיצער פֿון דער חברה מפיצי־השכלה. נאָר ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט די ערשטע פּאָר ווערטער אין רוסיש, זע איך ווי איינער פֿון די ווי־טעבסקער דעלעגאַטן, וואָס זיצן לעבן מיר, ווייזט אויס גאָר אַ פֿייער־דיקער יידישיסט, הייבט זיך אויף פֿון אָרט און שרייט אויס: „מ׳דאַרף זיי עוקר מן השרש זיין! רעדט יידיש״! האַקט מיט כעס איבערן טיש, טופּעט מיט די פֿיס. פֿרעג איך אים, וועמען מיינט ער? ווייזט ער מיר מיטן פֿינגער אויף דער סאָלידער מאַסע העברעאיסטן, וואָס זיצט שטייף, רירט זיך ניט פֿון אָרט. „אַלעמען, אַלעמען, די העברעאיסטן, די אַסימילאַטאָרן״. דער יידישיסטישער צד האָט זיך צעוויגט, שרייט, טופּעט מיט די פֿיס „יידיש, יידיש״. דער באַגריסער שטייט אַ פֿאַר־לאָרענער, פּרובירט דערקלערן, אַז צום באַדויערן, קען ער קיין יידיש ניט. ס׳העלפֿט ניט. דער טומל ווערט גרעסער. דער באַגריסער פֿאַרלאָזט זיין אָרט. נאָר ווען ס׳באַגריסט דעם צוזאַמענפֿאָר שמואל ניגער, האָט זיך דער עולם אַ ביסל איינגעשטילט.

די פֿלענאַרע זיצונגען פֿונעם צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך ווייניק וואָס פֿאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען פֿון דער נייער שול. דערפֿאַר אָבער האָבן די באַגריסונגען ניט אויפֿגעהערט די גאַנצע צייט. אויף די באַראַטונגען פֿון די באַזונדערע ריכטונגען האָט מען זיך יאָ פֿאַרנומען מיט קאָנסטרוקטיווער שול־אַרבעט. אַפֿילו די יידישע טערמינאָלאָגיע פֿון די אַלגעמיינע לימודים, די יידישע אָרטאָגראַפֿיע איז באַרירט

געוואָרן. אויף איינער פון די באַראַטונגען פון דער בונדישער גרופּע איז דעבאַטירט געוואָרן די פראַגע פון העברעאיש אין דער עלעמענ־טאַרער שול. אין איינער פון די באַראַטונגען האָט אָנטייל גענומען ל. עפּשטיין, איצט אין ניו־יאָרק. נאָך לאַנגע וויכוחים האָט מען באַ־שלאָסן, אַז אין דער אָנפאַנגער שול האָט העברעאיש קיין אָרט ניט, ווייל נאָר די לימודים, וואָס דינען דער אַנטוויקלונג פון יידישן קינד, קענען אַריינגענומען ווערן אין דער פּראָגראַם פון דער עלעמענטאַרער שול.

די פראַגע פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון יידישן לערער איז דעבאַטירט געוואָרן אַ גאַנצן טאָג. באַשלאָסן איז דאָס געוואָרן ווידער אויף די פּאַרטייאישע באַראַטונגען. די בונדישע גרופּע האָט באַשלאָסן, אַז היות דער יסוד פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַ־ניזאַציע איז איינקייט, און היות אין אַ געמישטער לערערשער פּראָ־פעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע וועלן כסדר בולט אַרויסטרעטן די אידעָ־אישע מיינונג־פאַרשיידנקייטן, וועט עס שטערן דער נאָרמאַלער אַנט־וויקלונג, און ס׳וועט דעריבער געזינטער זיין פאַר ביידע צדדים, ווען זיי וועלן זיך שאַפן זייערע אייגענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס.

די „פּאַראייניקטע" האָבן נאָכגעפאָלגט דעם „בונד". אויף דער לעצטער פּלענאַרער זיצונג זיינען שוין די העברעאיסטן ניט געקומען, האָבן קיין אָנטייל ניט גענומען. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן ביים בילדונגס־מיניסטעריום פון דער ציטוויילקער רעגירונג אַ יידישן שול־קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפירן מיט אַלע ענינים פון דער יידישער שול. און וואונדער איבער וואונדער, בראש פון דעם קאָ־מיטעט האָט זיך געשטעלט חיים פיאַלקאָוו...*).

נאָכן צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהילות אין סוף־זומער 1918

---

*) חיים פיאַלקאָוו איז אין 1918 יאָר אַ קראַנקער, אַ פאַרצווייפל־טער אומגעקומען פון הונגער אין קיעוו.

יאָר, בין איך פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אין מאָסקווע. אַ באַקאַנטער לערער מיינער מיט שטאַרקע באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס האָט זיך באַזעצט אין פּערסיצעס „אָסאָבניאַק”, וואָס די יידישע קאָמוניסטן האָבן צוגענומען פון דעם ציוניסטישן עסקן און נדבן. האָט ער מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן אים.

דעם ערשטן, וואָס איך האָב געטראָפן ביים אַריינגאַנג, איז געווען אַ באַקאַנטער וואַרשעווער לערער, איינער פון די ראשי־המדברים ביי די פאַרביסענע העברעאיסטן. כ׳ווייס נישט, צי ער האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח, אָבער אַ צינגל האָט ער פאַרמאָגט גאָר אַ שאַרפן. כ׳האָב געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַן „עוואָלוציע” האָט אים געבראַכט אַהער. האָט ער זיך פלינק אַרויסגעדרייט, נעלם געוואָרן.

אין דעם גרויסן ביבליאָטעק־צימער האָב איך ביי אַ טיש באַמערקט אַ באַקאַנטן פּנים. און כאָטש איינגעבויגן איבערן טיש, געשפּילט מיט עמעצן שאַך, האָב איך פון פּראָפיל דערקענט דעם שפּילער. יאָ, דאָס איז געווען דער אַלטער חבר מיינער פון וואַרשע, פיינבערג. דער זעלביקער ערנסטער, אומעטיקער פּנים. ניין יאָר סיביר האָבן איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם. די אויגן האָבן פאַרלאָרן דעם גלאַנץ, די באַוועגונגען זיינען געווען פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן חלום.

מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט ווייניק וואָס גערעדט פון זיין לעבן, אויסגעמיטן אַפילו צו דערמאָנען סיביר. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דעם וואַרשעווער לערער, ער האָט אים גוט געקענט פון דער לערער־געזעלשאַפט, האָט פיינבערג מיר געזאָגט, אַז כמעט אַ העלפט פון די אַלע, וואָס האַלטן זיך אויף דאָ — דאָס זיינען געווען די ערשטע „קאַדרען” פון די יעווסעקן — זיינען געוועזענע ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען. ס׳זיינען געווען עטלעכע פייערדיקע באָלשעוויקעס, וואָס שטאַמען פון גאָר גרויסן רבנישן יחוס אין וואָלין און אין פּוילן. געווען אויפריכטיקע באָלשעוויקעס,

וואָס האָבן געגלייבט באמונה שלימה, אַז נאָר די באָלשעוויקעס זיינען באַרופן אַרויסצופירן דאָס לאַנד פון קלעם, אַז דער יידישער גורל, די יידישע „גאולה שלימה" איז ענג פאַרבונדן מיטן באָלשעוויסטישן נצחון. געווען אַ היפּש ביסל אַוואַנטוריסטן און וויסן און געוויסן, וואָס האָבן זיך „צוגעשמירט" צו דער באַוועגונג. ס'זיינען געווען פאַנאַטיקער, וואָס זיינען גרייט אויף אַלץ, כדי צו דינען דער „גרויסער זאַך", ווי דער קיעווער לערער בראָוואַרניק, מחבר פון אַ גוטן אַריפמעטישן לערנבוך, וואָס פלעגט מיט אַ „נאַגאַן" אין האַנט פרייוויליק גיין אויף „אַביסקעס" ביי זיינע אייגענע חברים פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי. יעדן טאָג האָט מען דאָ געקענט זען פנים־חדשות, מערסטנס לינקע פּועלי־ציון, באַוואָפנט מיט אַ „מוראדיקער ערודיציע", וואָס באַזירט זיך, נאַטירלעך, אויף מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק.

דעם זעלביקן מאָנאַט איז פיינבערג, טראָצקיס אַ שטאַרקער חסיד, אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף פאַרטייאישער אַרבעט קיין אוראַל. שפּעטער האָט ער פאַרנומען גאָר אַ וויכטיקן פּאָסטן אין „נאַצמינד", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די פאַרשיידענע שבטים אין אוראַל, סיביר, מיטל־אַזיע, ווי די קאַלמיקן, קירגיזן, אוזבעקן וכדומה.

אומגעקומען איז פיינבערג מיט יאָרן שפּעטער אין אַ טורקעסטאַנער טורמע, ווי אַ טראָצקיסט.

די יידישע שולן אין מינסק

אין מערץ 1919 יאָר בין איך פון אַרום־וואָלגער געגנט געקומען קיין מינסק אויף דער בונדישער קאָנפערענץ. אויפן דריטן טאָג פון דער קאָנפערענץ האָט מען מיך אַ קראַנקן אויף פלעק־טיפוס צוגענומען אין שפּיטאָל. אַרויס פון שפּיטאָל, האָב איך זיך באַזעצט אין סערע־בריאַנקע, אַ פאַרשטעטל אויפן איגומענער שליאַך. פון ביידע זייטן שליאַך ציען זיך אויף מײַלן און מײַלן געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער. די באַלעבאַטים פון דער דירה, געוועזענע רײַכע וואַלד־סוחרים, האָבן מיך אויפגענומען זייער פרײַנדלעך, געטיילט זיך מיטן לעצטן שטיקל ברויט, וואָס איז דעמאָלט געווען גאַנץ שווער צו קריגן.

ס׳האָט מיך באַזוכט דער לערער אָדער, איינער פון די ערשטע שול־טוערס, וואָס האָט געהאָלפן אויפבויען די יידישע שולן אין מינסק באַלד נאָך דער רעוואָלוציע. ער האָט מיר פאַרגעלייגט איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון דער נײַער שול, וואָס זיי גייען גרינדן אין דעם פאַרשטאָט. ס׳איז דאָ פאַראַן, האָט אָדער דערקלערט, אַ גרויס הויז אין מיטן פון אַ סאָד, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ רײַכן שניט־קרעמער, און איצט באַלאַנגט עס צו קיינעם ניט. זיי וועלן איבערנעמען דאָס הויז מיטן גרויסן סאָד און גרינדן אַ שול פאַר די יידישע קינדער פון אומגעגנט. אין שטעטל איז פאַראַן אַ לערערין, וואָס איז אַנטלאָפן פון פעטראָגראַד. זי האָט שוין מער ניט געקענט הונגערן.

דאָס הויז איז טאַקע געווען גרויס און מיט אַ סך צימערן. אָבער שטאַרק פאַרלאָזן. ערטערווייז האָט דער רעגן אַריינגערונען. נאָר צוויי צימערן האָט מען געקענט באַנוצן פאַר די קלאַסן. דערפאַר אָבער האָט זיך אַרום געצויגן אַ סאָד מיט פאַרשיידענע פרוכט־ביימער, קוסטעס מיט יאַגדעס, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן אַזש ביז די ריזיקע סאָסנע־ביימער פון וואַלד.

דרייסיק מיידלעך און פופצן ייִנגלעך האָבן מיר אַריינגענומען אין שול. ס׳רוב קינדער, וואָס האָבן קיין מאָל נאָך ניט באַזוכט ניט קיין חדר, ניט קיין שול. און אין די אָרעמע היימען איז קיין ברויט ניט געווען. פלעגן די קינדער שוין גאַנץ פרי אונדז אָפּוואַרטן ביים אַריינגאַנג אין סאָד.

די ייִדישע ידיעות פון דער לערערין זיינען געווען זייער מאָגערע, דערפאַר אָבער איז דאָס געווען אַ טאַלאַנטפולע לערערין דערצו נאָך אַ באַגאַבטע פּיאַנאָ־שפּילערין. האָט זי איינגעחזרט ייִדישע קינדער־לידער און האָט איינגעשטעלט אַ קליינעם קינדערשן כאָר. טאַטע־מאַמעס פון די אָרומיקע אָרעמע ייִדישע הייזער פלעגן אָפּט קומען הערן, ווי זייערע קינדער זינגען.

אין פראָנט פון דער שול איז געווען אַ ליידיקער שטח. האָבן מיר מיט די קינדער אויפגעגראָבן בייטן, געפלאַנצט גרינסן, בלומען. די קינדער האָבן ליב באַקומען די שול און פלעגן נאָך די לימודים צוריקקומען און פאַרבלייבן ביזן אָוונט.

אין פאַרלויף פון צוויי חדשים האָבן די קינדער באַוויזן אויס־צולערנען זיך אויסצולייגן ווערטער, פאַרבינדן זיי אין זאַצן. דאָס לייענען איז אָנגעקומען אַ סך שווערער, ווייל די שול האָט פאַרמאָגט סך־הכל דריי אָנפאַנג־ביכלעך. מ׳האָט געמוזט בידים צוגרייטן אַ באַ־וועגלעכן אַלף־בית און באַנוצן זיך מיט אים ביים לייענען.

די טאַטעס פון די קינדער, פּשוטע ייִדן, וואָס פלעגן דריי מאָל אַ טאָג לויפן אין מנין דאַווענען, פלעגן מיך גאַנץ אָפּט פרעגן, ווען וועט מען שוין אָנהייבן לערנען עברי.

דאָס איז שוין געווען דאָס דריטע יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די יידן פונעם פאַרשטעטל, וואָס האָבן געצויגן זייער פרנסה פון אויפקויפן ביי די פויערים תבואה, עופות, אייער, חזיר־האָר, פעלכ־לעך, האָבן פאַרלאָרן זייער חיונה. אַפילו פאַר צאַרסקע געלט האָבן די פויערים אויפגעהערט צו פאַרקויפן, ווייל זיי האָבן מיטן געלט גאָרניט געקענט אויפטאָן. דער, וואָס האָט געהאַט זאַלץ, זייף, צוקער, קעראָסין, שניט־סחורה, האָט געקענט קריגן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, אָבער וואו קריגט מען דאָס?

האָבן די יידן אונטערגעהונגערט. אָבער הונגעריקע קינדער... פלעגן די קינדער טאַקע מיט גרויס אומגעדולד וואַרטן אויפן וואַסער־דיקן זופּ, ברויט, אַ מאָל אַן איי, וואָס דער סאָוועטסקער וועגעלע פלעגט ברענגען.

אין מאָנאַט אויגוסט האָט זיך די סאָוועטישע מאַכט גענומען עוואַקואירן פון שטאָט. און באַלד זיינען אין מינסק אַריין פּילסודסקיס „זיגרייכע" חיילות... האָבן די ווייסרוסישע יידן פאַרזוכט דעם טעם פון פּוילישע נאַהייקעס, אַכזריותדיקע רציחות, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט אַפילו נאָך דעם, ווי פּילסודסקי אַליין האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער קהילה און צוגעזאָגט איינצושטעלן אָרדענונג אין די ניי דעראָבערטע לענדער.

יידן האָבן זיך גענומען צוגעוואוינען צו די נייע באַלעבאַטים. אויפן אַלטן מאַרק האָבן זיך גענומען עפענען די קרעמלעך, נאָך דעם האָבן זיך גענומען עפענען די גרויסע קראָמען מיט שניט־סחורה, באַ־קאַליי, אייזן אויף ניעמיער, זיבעציקער גאַסן און אויפן הויכן מאַרק.

מינסק איז אַן אַלטע יידישע שטאָט. מיר איז די שטאָט געווען נאָענט און טייער, ווייל איך האָב דאָ מיט יאָרן צוריק, נאָך גאָר אַ יונגער יינגל, געלערנט אין קליינעם בית־מדרש, ביי ישראלקען דעם ראש־הישיבה, געווען אַ גרויסער מתמיד, און פלעג ביז שפּעט אין דער נאַכט לערנען אין בלומקעס־קלויז, קיינער האָט דאָ ניט געשטערט, און דער

אַלטער ליבער שמש האָט מיך מכבד געווען מיט בולבעס, וואָס ער פלעגט באַקן אין דער „הרובע״, אייוועלע...

די קהילה איז געוואָרן דער צענטער פון יידישן לעבן. אָבער מ׳מוז זאָגן דעם אמת, אַז זי האָט ניט איבעריק פריינדלעך אויפגע־נומען די זעקס וועלטלעכע שולן, וואָס זיינען מיט אַזוי פיל מוט אויפ־געבויט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע. די לערערס האָבן ממש געהונ־גערט און אין פאַרלויף פון לאַנגע וואָכן האָט מען קיין פרוטה ניט באַוויליקט די שולן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אָנגעשטעלטע פון דער קהילה האָבן יאָ באַקומען זייער געהאַלט.

דער פעדאַגאָגישער ראָט פון די שולן האָט אין אָנהייב פון שול־יאָר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל אַריבער אין „זארכינס״ שול אויף מאָסקווער גאַס. דאָס איז געווען די גרעסטע שול מיט אַריבער צוויי הונדערט קינדער, מיט אַן אייגענעם שול־בנין. איך האָב זיך מיט גרויס חשק גענומען צו דער אַרבעט אין דעם עלטערן יינגלשן קלאַס. אין אַ פאַראַלעלן קלאַס האָט געלערנט דער לערער סימאַנאָווסקי, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ. כהנען פאַרענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט. שוין גאָרניט קיין יונגער מאַן האָט סימאַנאָווסקי מיט אַזוי פיל ליבע און ענערגיע געאַרבעט אין זיין אָנגעפּאַקטן קלאַס, אַז איך פלעג זיך וואונדערן פון וואַנען נעמען זיך ביי אים כוחות, וואָרעם חוץ טיי מיט סאַכאַרין און שוואַרצן ברויט איז שווער געווען וואָס אַנדערש צו קריגן.

ערשט נאָך דעם, ווען דער הוואָווער־קאָמיטעט האָט גענומען אויס־טיילן קאָנדענסירטע מילך, מעל, בעבלעך און רייז האָבן די לערערס, אין זכות פון די שול־קינדער אויך זיך „אָטכאַיעט״ אַ ביסל, גענומען קומען צו זיך.

די מינסקער שולן האָבן דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין איינגע־שטעלטע איינהייטלעכע פּראָגראַם. ס׳איז אונדז געלונגען אויסצו־אַרבעטן די פּראָגראַם פון יידיש־לימוד אין אַלע קלאַסן פון דער עלע־מענטאַרער שול. און דאָך זיינען געווען אָפּנייגן פון דער אָנגענומענער

פראָגראַם. דער לערער אָדער, למשל, איז געווען מענדעלעס אַ שטאַר־קער חסיד. האָבן די תלמידים אין די עלטערע קלאַסן פון דער שול, וואו ער איז געווען דער פאַרוואַלטער, געקענט אויף אויסנווייניק שטיקער פון מענדעלעס ווינטשפינגערל. פאַר דעם לימוד פון געאָ־גראַפיע האָבן מיר אויסגעאַרבעט כמעט אַ פולשטענדיקע טערמינאָלאָגיע. די צוויי גרויסע גלאָבוסן און די אויסגעצייכנטע געאָגראַפישע מאַפּעס, וואָס זיינען פאַרבליבן אין זאַרכינס שול פון די אַלטע גוטע צייטן, פלעגן יעדע צווייטע וואָך אַריבערגיין אין אַן אַנדער שול.

מיר האָבן זיך באַמיט איינצופירן עלעמענטאַרע נאַטור־וויסנשאַפט אין די עלטערע קלאַסן. געוואָלט דערנענטערן די קינדער צו דער נאַטור, זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז יעדע חיה, פלאַנצונג איז אַ לעבן פאַר זיך, און איז גלייכצייטיק מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער סביבה.

ניט טעאָריע, נאָר די לעבעדיקע נאַטור. אָנגעהויבן מיט שפּאַצירן אין די אַרומיקע וועלדער. צום באַדויערן האָבן געקענט אָנטייל נעמען נאָר יענע גליקלעכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט גאַנצע שטיוועלעך. און אַזעלכע זיינען געווען ווייניק. אין פעלד און אין וואַלד, זומער און ווינטער האָבן די תלמידים געקענט זען באַשיימפערלעך, ווי ענג ס'איז פאַרבונדן דאָס לעבן פון יעדער חיה און פויגל מיט דער אַרומי־קער סביבה, מיטן בוים, וואו עס נעסטלט זיך, מאַכט זיין נאָרע, מיטן פעלד, טייכל, אָזערע, וואו ס'געפינט זיין שפּייז.

אין די ווינטערדיקע חדשים האָבן מיר אין די שולן גופא דורכ־געפירט פּראַקטישע צוגרייטונג־אַרבעט אויף לעבעדיקע אָביעקטן: דורכוואַקסן פון אַרבעס, בעבלעך, ציבעלעס. אין פרילינג־צייט האָבן מיר מיט אַ צווייגל און אירע אָנגעשוואָלענע קנאָספּן באַוויזן, ווי ס'אַנטוויקלען זיך די יונגע גרינע בלעטער.

נאָך אַן אַרויפגעצוואונגענעם קורצן סטרייק האָט די קהילה איינגעשטימט צו צאָלן דאָס געהאַלט מיטן תנאַי, אַז אין די שולן

זאָל מען איינפירן דעם לימוד פון העברעאיש און תנך אין די עלטערע קלאַסן. אין זארכינס שול האָט די לימודים פריער אָנגעפירט אַ לע־רערין. עברית־בעברית מיט דער הברה ספרדית. דער פאָרשטייער פון דער קהילה, דער לערער קאַפּלאַן, האָט איינגעזען, אַז היות די תלמידים פון די עלטערע קלאַסן זיינען געוועזענע תלמידים פון די חדרים, קלעפּט זיך ניט צו זיי דער עברית־בעברית און נאָך מיטן פּתח. האָט ער אַליין איבערגענומען די לימודים און געפירט זיי אויפן אַלטן שטייגער, עברית ביידיש אָן דעם פּתח. ס׳האָבן גענומען שטראָ־מען נייע תלמידים. אַ קלייניקייט מ׳לערנט תנך! ס׳זיינען צום באַ־דויערן געווען זייער ווייניק פרייע ערטער אין די קלאַסן.

דער אָרטיקער קאָמיטעט פון „איקאָ״ האָט באַזאָרגט די שולן מיט גערטנער, זריעה, מכשירים און אַן אינסטרוקטאָר, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכן די גערטנער, העלפן זיי אין דער פּראַקטישער אַרבעט. איך האָב איבערגענומען דעם שול־גאָרטן אויף דער טורעמ־נער גאַס, אַ גרויסער שטח, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער „רעמעס־ליענער״ ביז דעם פּריצישן ווינקל־הויז, אַנטקעגן דער מינסקער טורמע. פּאָר מיר זיינען די פּאָר חדשים געווען די גליקלעכסטע צייט אין מיין לאַנגן לערערשן לעבן. גראָד איז דער פּלאַץ געווען גוט באַמיסטיקט, מ׳האָט דאָ יאָרן־לאַנג געהאַלטן פערד, און אַלץ, וואָס מ׳האָט פאַרזייט האָט שנעל זיך דורכגעשטופּט דורך דעם אויפגעגראָבענעם באָדן אויף גאָטס וועלט.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ געראָמע ביידל מיט בענק, וואו מיר האָבן געהאַלטן מאַלצייטן. פּופּציק יינגלעך און אַ צענדליק מיידלעך האָבן מיט גרויס חשק געאַרבעט. שוין באַגינען פלעגט די מערהייט זיין אויפן גאָרטן. דער אָפּמאַך מיט די פרייוויליקע אַרבעטערס איז געווען, אַז אַלץ, וואָס דער גאָרטן וועט אַרויסגעבן, באַלאַנגט צו די וואָס אַרבעטן. האָבן זיי טאַקע געאַרבעט מיט גרויס חשק, גערייניקט די קרויט־בלעטער, באַגאָסן און געיעט די בייטן. און אַ גרויסע מזל־ברכה איז געקומען. די גערטעניש איז געווען גרויס. אין סוף יולי

האָבן מיר געגאָסן פון די צעוואַקסענע ריבן, מערן און שאַר־ירקות. איין מאָל אַ וואָך פלעגט יעדערער פון די אַרבעטערס אַוועקטראָגן אַהיים אַ פּעקל גרינס. מערקווירדיק גרויס איז געווען די גערעטעניש פון בולבעס. אַזוי גרויס, אַז בעת מיר האָבן אין שפּעט־זומער צעטיילט צווישן די מיטאַרבעטערס אַלץ, וואָס מיר האָבן אַראָפּגענומען פון די בייטן, האָט יעדערער באַקומען צוואַנציק פונט בולבעס, צוויי קעפּלעך קרויט אַחוץ מערן, בוריקעס, רעטעך, פּאָמידאָרן, אוגערקעס וכדומה. די תלמידים האָבן געקוואָלן פון נחת, און אין די אָרעמע היימען האָט מען זיי אויפגענומען מיט פרייד, וואָרעם אין יענע שווערע צייטן איז דאָס געווען אַ טייערע מתנה...

ווידער אונטער דער סאָוועטישער מאַכט

דעם נייעם שול־יאָר האָבן מיר אָנגעהויבן שוין ווידער אונטער דער באַנייטער באָלשעוויסטישער מאַכט. אָפיציעל האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט דער בילדונג־אָפּטיילונג אסתּר פרומקין, די בונדישע טוערין, וואָס האָט נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָרעם אויפגענומען די אידעע פון אַ יידישער שול אין דער בונדישער פרעסע. זי איז אָבער דאָ געשטאַנען נאָר מיט איין פוס. איר האָט געצויגן די גרויסע וועלט, די אויפגעשטורעמטע רוסלאַנד. אין דער יידישער שול־אָפּטיילונג האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יונגער בחור, וועלכן מיר האָבן זייער ווייניק געקענט, ווייל ער פלעגט זיך זעלטן באַוויזן אין די שולן, האָט קיין איין מאָל ניט באַזוכט די באַראַטונגען פון די לערערס.

ס'זיינען צוגעקומען נייע לערערס מיט זייער ווייניק לערערישער דערפאַרונג און וויסן, דערפאַר אָבער מיט אַ סך חוצפּה. זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט בלאָנסקיס ביכל „די אַרבעט־שול״, ווי מיט אַ מין נייער אַנטפּלעקונג, וואָס לייזט ניט נאָר אַלע פּעדאַגאָגישע, נאָר אויך אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז די נייע תּורה איז ניט אַזוי ניי, אַז אַפילו אין די צאַרישע צייטן האָט מען זיך גאַנץ ערנסט פאַרנומען מיט די זעלביקע פּראָבלעמען.

אין די שולן איז די אַרבעט געוואָרן איינגעשטעלט. קיינער האָט

אונדז קיין דעה ניט געזאָגט. אין זארכינס שול האָט דער ליבער סימאַנאָווסקי שווער געהאָרעוועט איבער דער אַלגעברע־טערמינאָלאָגיע, אַ לימוד, וואָס ער האָט איינגעפירט אין גראַדואיר־קלאַס. מיר האָבן זיך אַפילו גענומען גרייטן צו אַ חנוכה יום־טוב מיט געזאַנג און טענץ און גוטע זאַכן פאַר די תלמידים. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען אַזאַ גליקלעכן מענטשן, ווי דעם לערער סימאַנאָווסקי, נאָך דעם ווי דער קינדער־כאָר האָט אויסגעצייכנט געזונגען די לידער, וואָס ער האָט מיט זיי איינגעשטודירט.

אין מיטן ווינטער האָבן מיר צום ערשטן מאָל צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די עלטערן. אונדזער ציל איז געווען צו דערנענטערן די עלטערן צו דער שול, באַווייזן זיי, אַז די שול איז ניט קיין אַרויפגעצוואונגענע אויף זיי, און אַז מיט זייער פרייוויליקער הילף קענען מיר פיל מער אויפטאָן, ווי ווען זיי וועלן שטיין אָן דער זייט.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־אָוונט. אין דעם גרויסן צימער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פופציק עלטערן, טאַטעס און מאַמעס. אַ קע־ראָסין־לעמפל האָט באַלויכטן די אָנגעפּעלצטע פאַרזאַמלטע.

איז נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער איינלייטונג, און פאַרגעלייגט די עלטערן אָנטיילצונעמען אין דער דעבאַטע, הייבט זיך אויף אַ מיטליעריקער ייד, וואָס האָט געהאַט אין דער שול צוויי קינדער, דער זעלביקער ייד, וואָס איז געקומען אונדז דאַנקען בעת מ׳האָט גענומען לערנען אין די עלטערע קלאַסן תנך, אויפגעהויבן זיך, פאַר־בראָכן די הענט, האָט ער אויסגעשריען: „וואָס וועט ווערן פון אונדזע־רע קינדער?״ און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קינד. די מאַמעס אַרום האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. מיר האָבן אים געפּרואווט באַרואיקן, געגעבן וואַסער. עס האָט ניט געהאָלפן. ער האָט כסדר ביטער גע־וויינט. די פאַרזאַמלונג האָט זיך געשלאָסן.

איך האָב שפּעטער באַזוכט דעם יידן, אַ שניידער, וואָס האָט גע־וואוינט אויפן טורעצקער באַרג. אַ פרומער ייד, אַ יודע־ספר, אין

קליינעם ספרים־אַלמער האָב איך באַמערקט גמרות, מוסר־ספרים. האָט ער געטענהט, אַז מ׳קען ניט דערציען יידישע קינדער סתם אין דער וועלט אַריין. אָן אמונה, אָן אַ שבת און יום־טוב, אָן יידישע מידות קען קיין יידישע דערציאונג ניט געדייען.

מיר האָבן פאַרגעזעצט די עלטערן־פאַרזאַמלונגען דעם גאַנצן ווינטער. אַפילו פאַר דער מלחמה, האָבן מיר געטענהט, האָט דאָך דער אַלטער חדר גענומען זיך ענדערן, ניט געקענט בלייבן אַזוי, ווי ער איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק. בפרט איצט, ווען דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, לגמרי נייע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַנטשטייען, מוזן מיר דאָך איצט אַוודאי די יידישע שול צופּאַסן צו די נייע פאָרמעס פון לעבן, כדי אונדזערע קינדער זאָלן זיך קענען צופּאַסן צום לעבן.

איך ווייס ניט, צי אונדזערע רייד האָבן משפיע געווען אַזאַ יידן, ווי דער פרומער שניידער, און אַזוינע יידן זיינען דעמאָלט נאָך געווען גענוג אין מינסק. אָבער בכלל האָבן מיר געפילט, אַז וואָס ווייטער געווינען מיר אַלץ מער דעם צוטרוי פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון די עלטערן.

פאַרן סוף פון שול־יאָר האָבן מיר צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע לערערס אין די שולן. אויפן סדר־היום איז געשטאַנען: באַריכטן פון די שולן, פלענער פאַרן נייעם שול־יאָר, אַ פּראָטעסט קעגן דער באַשטימונג פון סאָקאָלאָוו, דעם געוועזענעם שול־אינספּעקטאָר, אַ באַקאַנטער שוואַרץ־מאהניק און אַן אַקטיווער אַנטיסעמיט, אַלס דעם הויפּט־איסטרוקטאָר ביים ווייס־רוסישן בילדונג־קאָמיסאַריאַט. דאָס מאָל איז צו דער פאַרזאַמלונג אומדערוואַרט געקומען דער בחורל פון דער יידישער אָפּטיילונג. הפנים עמעצער האָט אים געגעבן צו וויסן אַז אויפן סדר־היום איז דאָ אַ פּראָטעסט קעגן דער באַשטימונג פון סאָקאָלאָוון.

ווי געווינטלעך איז צו דער באַראַטונג געקומען זשעניע הורוויץ,

די ערשטע, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק איבערזעצט אויף רוסיש מאַרקס ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל". נאָך דעם ווי די פאַרזאַמלונג האָט פאַרענדיקט מיט די ערשטע צוויי פּונקטן, האָבן עטלעכע לערערס געהאַלטן גאַנץ שאַרפע רעדעס קעגן סאָקאַלאָווס באַשטימונג. איין רעדנער האָט באַמערקט, אַז ער איז מסופק, אויב דער לערערישער פּראָטעסט וועט העלפן, „געדענקט איר ניט, האָט ער געזאָגט, סאַלטי־קאָוו־שטשעדרינס מעשהלע, ווי אַזוי דער אמת קומט צום חזיר אין שטאַל, דערציילט אים וועגן דער שיינער ליכטיקער וועלט, און ער, דער חזיר, ליגט אין שמוץ, גראָבט זיך מיטן שנוק אין מיסט און כּריוקעט פון פאַרגעניגן".

— איר ווייסט, וואָס מ׳טוט פאַר אַזוינע רייד?—האָט דער בחורל אַן אויפגערעגטער אויסגעשריען, קלאַפּנדיק מיטן פויסט איבערן טיש.

— מיר ווייסן, וואָס טשעקיסטן קענען טאָן, מיר ווייסן גוט, — האָבן די לערערס געשריען.

זשעניע הורוויץ האָט זיך געבעטן אַז מ׳זאָל זיך באַרואיקן.

דער טומל האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט און די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט.

איך האָב געזען, ווי אַ יידישע קהילה, וואָס האָט פאַרמירט איר גייסטיק לעבן אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרהונדערטער, ווערט חרוב ומוחרב, ווערט אויסגעוואָרצלט. איך האָב געזען, ווי אַזוי די יידישע אינטעליגענץ ווערט פאַרשטומט, און די יעניקע, וואָס האָבן פאַרויס־געזען ניט נאָר דעם פיזישן, נאָר אויך דעם גייסטיקן חורבן, וואָס רוקט זיך אָן אויפן רוסישן יידנטום, און באַמיט זיך קעגנשטעלן, זיינען ס׳רוב אומגעקומען אין פאַרשיקונג, אין די סאָוועטישע טורמעס אי־בער גאַנץ רוסלאַנד. איך האָב געזען, ווי אַזוי פריער די לינקע פּועלי־ציון און שפּעטער דער „קאָמבונד" נעמען פאַרפלייצן דעם סאָוועטישן אַפּאַראַט איינשליסנדיק די „טשעקאַ", איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ רציחה זיי ליקווידירן דעם יידישן „קאַפּיטאַל", די קרעמלעך־ביידלעך

אויפן אַלטן מאַרק. איך האָב געוואוסט, אַז די כוואַליע וועט סוף־כּל־סוף דערגרייכן די שולן. אין בעסטן פאַל וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינסטרומענט פון באַלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זייער באַדייטונג, ווי דער יסוד פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, וועט ממילא פאַרשווינדן.

כּל־זמן אסתּר פרומקין האַלט זיך נאָך אויף אין ווייסרוסלאַנד האָבן מיר געוואוסט, אַז קיין בייז וועט ניט געשען די שולן. אָבער ווי לאַנג וועט זי זיך האַלטן. זי רייסט זיך דאָך אין דער גרויסער וועלט אַריין...

און דאָ באַקום איך בריוולעך פון שלמה באַסטאַמסקין, אַז איך זאָל קומען קיין ווילנע.

שווער איז מיר געווען צו שיידן זיך מיט דער שול, מיט די עטלעכע און דרייסיק יינגלעך. איך האָב געזען, ווי אַזוי זיי זיינען גייסטיק אויסגעוואַקסן, ווי אַזוי זיי האָבן ליב באַקומען דאָס יידיש בוך, מיט וואָס פאַר אַ חשק זיי האָבן געשלונגען אַלץ, וואָס ס׳האָט נאָר אַ שייכות צו יידישער געשיכטע.

— —

ס׳זיינען נאָך דאָ עד־היום נאַאיווע מענטשן, וואָס האַלטן כּסדר אין מאָנען, וואוהין זיינען אַהינגעקומען די יידישע שולן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שוין אין 1939 יאָר איז שוין קיין סימן ניט געבליבן פון אַ יידישער שול אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דער אַלטער יידישער שטאָט מינסק האָט מען אַפילו קיין יידישע קינדערהיים בשום אופן ניט געקענט עפענען, ווייל מ׳האָט ניט געקענט צונויפנעמען די בייטיקע פינף און צוואַנציק אונטערשריפטן פון יידישע עלטערן, וואָס זאָלן פאַרלאַנגען אַ יידישע קינדערהיים.

מ׳האָט געשיקט די קינדער ניט נאָר אין די רוסישע שולן און קינדער־היימען, נאָר אויך אין די ווייסרוסישע. אָבער ניט אין די יידישע.

מיתה בנשיקה!

מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך זיך שוין אין ווילנע דערוואוסט, אַז פערצן לערערס פון די יידישע שולן אין מינסק בראש מיטן לערער אָדער זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין קאַזאַקסטאַן.

אין ווילנע

ווען איך האָב זיך אַריבערגעכאַפּט פון מינסק קיין ווילנע, האָב איך אויפן וואָקזאַל געטראָפן יידישע יונגע־לייט מיט ביקסן אין די הענט רעווידירן די דאָקומענטן פון די רייזנדערס...

אין שטאָט איז דעמאָלט קיין איינגעשטעלטע מאַכט ניט געווען. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן און די ליטווינער האָבן געזאָלט איבערנעמען די רעגירונג אין ווילנער געגנט.

געקומען בין איך צו מיין אַלטן פריינד שלמה באַסטאַמסקי אויף קליין־סטעפן גאַס. אַ וואַרעמער און זייער פריינדלעכער קבלת־פּנים. מיר גייען אין קאָאָפּעראַטיוון זאַל, וואו עס קומט פאָר די אויסשטעלונג פון די פאַרשיידענע גרינסן, וואָס מ׳האָט אָראָפּגענומען פון די שול־גערטנער. איך טרעף דאָ אַ סך אַלטע חברים, וואָס האָבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע גענומען בויען די נייע יידישע שול. ביי אַ זיצונג פון צענטראַלן ביל־דונגס־קאָמיטעט דערצייל איך וועגן מיינע דערפאַרונגען אין די שולן פאַר די היימלאָזע אין רוסלאַנד, גיב אָפּ אַ באַריכט וועגן דעם צו־שטאַנד פון די שולן אין מינסק.

גרשון פּלודערמאַכער פירט מיך צו זיך אַהיים. ביז שפּעט אין דער נאַכט שמועסן מיר. ער דערציילט מיר, וואָס די שולן האָבן דורכגעמאַכט בעת דער אָקופּאַציע, דעם מוראדיקן הונגער און דלות מיט וועלכן די שולן ראַנגלען זיך שוין איבער פינף יאָר... גרשון

לייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער נאָענטער צוקונפט. ער גלייבט, אַז אין דער ווילנער געגנט וועט זיך איינשטעלן די ליטווישע מאַכט, ער איז זיכער, אַז ניט נאָר וועלן די ליטווינער ניט שטערן דעם וואוקס פון דער שול, נאָר וועלן העלפן צו פאַרפעסטיקן איר קיום. דערווייל, זאָגט ער, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער שול זייער אַ שווערע. דער באַרימטער ווילנער דלות איז איצט ממש אומדערטרעגלעך, ווילנע האָט דאָך קיין מאָל ניט געהאַט קיין הינטערגרונט אויף וועלכן זי זאָל זיך קענען שטיצן. איצט איז די שטאָט און די אומגעגנט אָפגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. חדשים לאַנג באַקומט מען ניט קיין פּרוטה פון דער שטיצע, וואָס מ'האָט אונדז צוגעזאָגט. די גראָשנס, וואָס קומען אַריין פון שכר־לימוד, קלעקן ניט אַפילו אויף אַ המוציא. ס'איז ממש צו באַוואונדערן דעם מוט פון די לערערס.

צומאָרגנס בין איך מיטן לערער יאָפע געגאַנגען באַזוכן די שול־גערטנער. איך האָב געוואָלט מיט מיינע אייגענע אויגן זען דעם נס, אַז אין די ווילנער זאַוואולקעס, וואו די זון איז ניט קיין איבעריק אָפטער גאַסט, זאָלן אויסוואַקסן אַזוינע ריזיקע קעפּלעך קרויט, קירבעס, פּאָמידאָרן, רעטעכער, מערן, בוריקעס און שאר־ירקות. דער רירעוודיקער יאָפע גייט אַרום די בייטן, העלפט אַרויס אין דער אַרבעט, בינדט צו די אָנגעלאָדענע צווייגלעך מיט רייפע גרויסע פּאָמידאָרן צו די שטענגעלעך, לייגט אַרויף די ריזיק־צעוואַקסענע קירבעס אויף די וועגעלעך. ער דערציילט מיר, אַז די תלמידים פון דער רעאַל־גימנאַזיע האָבן מיט גרויס חשק געאַרבעט אויפן גאָרטן, פאַרצייכנט נאָטיצן פאַר די נאַטור־לעקציעס. יאָפע איז אַ גרויסער חסיד פון דער אַרבעט־שול, באַדויערט, וואָס אין אונדזערע שולן פאַרנעמט נאָך עד־היום דאָס בוך דעם אויבן־אָן...

ווילנע איז מקדמונים געווען דער צענטער פון גייסטיקן יידישן לעבן אין מזרח־איראָפּע. ירושלים דליטע. ניט נאָר דאָס רעליגיעז

טראַדיציאָנעלע לעבן האָט אַרויסגעבראַכט אַזוינע ליכטיקע געשטאַלטן, ווי דער ווילנער גאון, נאָר אויך די השכלה און שפּעטער די קולטור־וועלטלעכע באַוועגונג האָבן אַרויסגעשיינט פון ווילנע.

שוין לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. דער ערשטער אומלעגאַלער לערער־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין זומער 1906 יאָר, האָט אמת געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן פּאָליטישן כאַראַקטער. די באַראַטונגען זיינע האָט דער צוזאַמענפאָר פאַרענדיקט אין לוקישקער טורמע. פון וואַרשע האָבן אין דעם צוזאַמענפאָר אָנטייל גענומען דער שוין דערמאָנטער לערער ליכטענשטיין און גאָלדאַנסקי. אויב איך מאַך ניט קיין טעות האָט אויך גרשון פּלודערמאַכער זיך באַטייליקט. שפּעטער זיינען טעטיק געווען די זשאַרגאָן־קאָמיטעטן.

לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך ביי דער ווילנער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי־השכלה געגרינדעט אַ פּעדאַגאָגישער קאָמיטעט, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די עלעמענטן, וואָס האָבן שפּעטער געלייגט דעם יסוד פון דער וועלטלעכער שול. אַלע השתדלותן פונעם קאָמיטעט צו עפענען אַ פּאָלקשול פאַר יינגלעך, קורסן פאַר לערערס, אַן אָוונט־שול האָבן זיך ניט איינגעגעבן. דער אויסרייד איז געווען: איר זייט ניט קיין בילדונג־חברה, נאָר אַ פּאָליטישער קלוב. און דאָך איז אין 1912 געלונגען צו עפענען אין ווילנע די ערשטע מיידל־שול, וואו יידיש האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן. געגרינדעט די שול האָט די אַלטע בלינדע לערערין דבורה קופּערשטיין מיט דער הילף פון דער יידישער אינטעליגענץ. הונדערטער מיידלעך האָבן געזאַמלט ביי די מנדבים יעדן חודש 25 קאָפּיקעס. מיט אַ כסדרדיקן אויסהיטן זיך פאַרן שול־אינספּעקטאָר האָט מען אין דער שול געלערנט דריי מאָל אַ וואָך יידיש און צוויי מאָל אַ וואָך יידישע געשיכטע. דער לימוד פון געאָגראַפיע, אַריפמעטיק און נאַטור איז אויך געפירט געוואָרן אויף יידיש. מ'האָט אָבער געמוזט באַקענען די קינדער מיט דער

רוסישער טערמינאָלאָגיע, כדי זיי זאָלן קענען ענטפערן דעם שול־אינספּעקטאָר בעת זיינע באַזוכן.

ווען איך האָב גענומען לערנען יידיש און געאָגראַפיע אין די עלטערע קלאַסן פון דער דבורה קופּערשטיין־שול, וואו פלודערמאַכער איז געווען דער פאַרוואַלטער, האָט די שול געהאַלטן כסדר אין וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. ס׳זיינען צוגעקומען צוויי פּאַראַלעלע עלטערע קלאַסן.

ביים ערשטן באַזוך אין די קלאַסן האָט איר געקענט זען, אַז דאָס איז אַן איינגעפונדעוועטע שול. איך האָב געקליבן נחת פון דעם לימוד פון יידיש אין די ייִנגערע קלאַסן. דאָס פרייע האַלטן זיך פון די תלמידות, די אָרדענונג, דער דורכגעטראַכטער, פּלאַנירטער אופן פון די לעקציעס, דער שיינער ווילנער יידיש — אַלץ האָט האַרמאָניש צוזאַמענגעקלונגען, און ווען דאָס שול־גלעקל האָט זיך דערטראָגן פון לאַנגן קאָרידאָר האָבן די קינדער ניט מיט גרויס איילעניש און חשק פאַרלאָזן די שול־בענק...

איך פלעג כמעט יעדע וואָך באַזוכן די עלטערע קלאַסן, וואו פלודערמאַכער האָט געלערנט געשיכטע. גרשון האָט זיך מער ווי ערנסט באַצויגן צו דעם לימוד. און ניט גרעץ און ניט דובנאָוו, נאָר אַן ערנסטע באַאַרבעטונג פון רייכן היסטאָרישן מאַטעריאַל פון די ערשטע קוואַלן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ היסטאָרישער פיגור, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך אַ געגעבענע היסטאָרישע תקופה, און פלעגט אָפט אילוסטרירט ווערן מיט אַ פאָרלייענען פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס איז געווען די איינציקע מיידל־שול, וואו מ׳האָט געלערנט העברעאיש און תנך אין די עלטערע קלאַסן און גאַנץ ערנסט באַצויגן זיך צו דעם לימוד.

אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען מיט פלודערמאַכערן אין זיין באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, און ממילא אויך צו

דער יידישער שול. אַמאָל האָט ער פאַרנומען אַ גאַנץ נייטראַלע פּאָ־זיציע... איצט איז פון דעם קיין סימן ניט פאַרבליבן. גרשון איז געווען איינער פון די ערשטע ווילנער לערערס, וואָס האָט בלב־ונפש גענומען אַרבעטן פאַר דער נייער יידישער שול, איז געווען אַ הייסער אַנהענגער פון דעם לימוד פון תנך און העברעאיש אין די עלטערע קלאַסן פון דער פאָלקשול. און אַ נאה דורש ונאה מקיים. ער האָט מיט זיין ייִנגל געלערנט תנך און אַפילו מעביר געווען די סדרה מיט אים יעדן שבת, און ניט נאָר אין דער היים, נאָר אויך אויף דער „דאַטשע" אין פּאָספּיעשקי. „אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געטאָן" פלעגט גרשון זאָגן.

איך פלעג זיין אָן אָפטער גאַסט אין די עלטערע קלאַסן ביים לימוד פון נאַטור. דאָס מאָל האָט די לערערין דערציילט די קינדער, ווי אַזוי פייגל בויען זייערע נעסטן. אויפן טיש איז געלעגן אַ שוואַלבן־נעסט, ס'איז נאָך פאַרבליבן די שאָלעכץ פון אייעלעך, פעדערן, שטרויע־לעך. דערביי האָט זי פאַרגעלייענט פאַר די תלמידות פון ג. קופּענס בוך: „קונסט און מלאכות ביי בעלי־חיים", די באַשרייבונג פון אַ שוואַלבן־נעסט.

פלוצלונג האָט זיך פון גאַס דערטראָגן אַ שטאַרקער גערויש, געשרייען. אַלע זיינען צוגעלאָפן צו די פענצטער, וואָס קוקן אַרויס פון קאַנסקער גאַס אויף די טויערן פון דער „אָסטראַבראַם". פּוילישע קאַוואַלעריסטן רייטן אַריין אין די טויערן אויף פייערדיקע פערדלעך און פאַטריאָטישע ווייבלעך און מיידלעך באַוואַרפן זיי מיט בלומען. שוין לאַנג האָט מען גערעדט, אַז פּוילן וועט סוף־כל־סוף פאַרנעמען די געגנט, און היינט איז דאָס געשען. דער גענעראַל זשעליגאָווסקי האָט כלומרשט קעגן דעם ווילן פון דער פּוילישער רעגירונג פאַרנומען ווילנע.

מ'האָט די קינדער פריי געלאָזן אַהיים. דער יידישער עולם איז אויפגעציטערט געוואָרן. ס'איז נאָך פריש געווען אין זכרון די גע־שעענישן פון דעם ערשטן אַריינמאַרש פון די פּוילישע חיילות אין

ווילנע. איך גיי צו דער זיצונג פון צענטראַלן בילדונג־קאָמיטעט און טרעף דאָרטן קאָליע טעפּער, וואָס וואוינט אין אַ שכנישן צימער אין מיין דירה אויף גרויס־פּאָהוליאַנקע. ער האָט די וואָך באַקומען דורך קאָוונע צוגעשיקט הונדערט דאָלער. גייט ער אַרום מיט אַ טאָג באַ־לייגט מיט אַ סך גוטע זאַכן און אַ פלאַש וויין, בעט זיך ביים עולם מ׳זאָל עפּעס פאַרזוכן.

געקומען צום טויער פונעם גרויסן הויז און געזומען קלינגען און קלינגען... מ׳לאָזט ניט אַריין. ערשט נאָך אַ לאַנגן וואַרטן הערן מיר, ווי מ׳פרעגט אונדז אויף יידיש, ווער זיינען מיר און אין וועלכער דירה וואוינען מיר? ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די שכנים פונעם גרויסן הויז, ווי אויך פון אַנדערע הייזער, וואו יידן וואוינען, האָבן זיך אָרגאַניזירט און מ׳באַוואַכט די הייזער.

די לאַגע פון די לערערס האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט. אויב פריער איז נאָך געווען אַ האָפענונג אַז די צוגעזאָגטע שטיצע פאַר די שולן וועט סוף־כל־סוף דערגרייכן ווילנע, זיינען מיר איצט אין גאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אַרומיקער וועלט. און עמך ישראל צריכים פּרנסה און דאָרטן, וואו קיין פּרנסה איז ניטאָ, קען קיין שלום־בית ניט זיין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די לאַגע אין דעם הינ־זיכט נאָך ערגער געוואָרן...

די יינגל־שול פון חברה מפיצי־השכלה האָט פאַרנומען גאָר אַ חשובן אָרט אין ווילנער שול־וועזן. זי איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1915 יאָר מיט דריי מיטעלע קלאַסן, צעוואַקסט זיך גאָר גרויס בעת די מלחמה־יאָרן און דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין 1920 יאָר מיט אַכט נאָרמאַלע קלאַסן און אַ פּראָגראַם פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע.

איך פלעג אָפט באַזוכן די לימודים אין דער שול. באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט דער לימוד פון אַריפמעטיק און געאָמעטריע. דער לערער גורעוויטש, אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג און אַ גוטער מאַטעמאַטיקער, האָט באַהערשט די יידישע טערמינאָלאָגיע פון די

לימודים. ס׳איז געגאַנגען ביי אים, ווי אַ וואַסער. אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס׳איז געלונגען אויפצוטאָן אין דעם הינזיכט אין די היימלאָזע שולן אין רוסלאַנד און שפּעטער אין די מינסקער שולן, זיינען בכלל די ווילנער שולן געשטאַנען אויף אַ העכער מדרגה.

די שול האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס זי האָט פיל אַכט געלייגט אויף דער זעלבסטטעטיקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די תלמידים. דער קינדער־קלוב, וואָס האָט זיך געעפנט אין 1919 יאָר, איז שטאַרק פּאָפּולער געווען אין ווילנע און פלעגט צוציען קינדער פון אַ סך אַנדערע שולן. די אַרבעט אין קלוב איז איינגעטיילט געווען אין סעקציעס: ליטעראַרישע, דראַמאַטישע, נאַטורוויסנשאַפטלעכע, פאָלקלאָר.

אויב די יינגל־שול איז דעמאָלט נאָך ווייט געווען פון דעם אי־דעאַל פון אַ יידישער פאָלקס־שול, האָט זי אָבער געקענט דינען, ווי אַ מוסטער פון אַ פאָלק־שול פאַר דעם נייעם יידישן שולוועזן אין ליטע און פוילן.

מ׳האָט באַדאַרפט דאָ אויסטיילן אַ סך אַנדערע שולן אין ווילנע, ווי די פאָלק־שול אויפן נאָמען פון ש. פרוג, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן פון העלענע קאַמעניעצקי נאָך פאַר דער מלחמה, די לייזער גורוויטש־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בעת דער מלחמה פאַר די היימלאָזע קינדער (לייזער גורוויטש איז ברוטאַל געטייט געוואָרן פון די פּאָליאַקן בעת זייער ערשטן אַריינמאַרש אין ווילנע) און נאָך אַנדערע שולן. פאַר דעם איז נייטיק אַן אויספירלעכע געשיכטע פונעם יידישן שול־וועזן אין ווילנע. דאָ איז פאַר דעם, צום באַדויערן, קיין אָרט ניטאָ.

באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין ווילנע האָב איך איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער אָוונט־שול אויפן נאָמען פון מאָריס ווינטשעווסקי. די ערשטע אָוונט־שול אין ווילנע אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ איז גע־

גרינדעט געוואָרן פון גרשון פּלודערמאַכער. די מאָריס ווינטשעווסקי־שול האָט זיך געעפנט בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. אַרום דער שול, וואו די איבערוועגנדיקע מערהייט תּלמידים זיינען געווען יוגנט־לעכע אַרבעטערס און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, האָט זיך שטאַרק מתעסק געווען דער פאַרשטאָרבענער בייניש מיכאַלעוויטש. די גאַנצע טעטיקייט פון דער שול האָט ביז דעמאָלט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָליטישן קלוב. מיין ערשטע באַגעגעניש מיט די צוהערערס פון דער שול איז געווען אויף זאַוואַלנער גאַס, אין דער געביידע פון דער שול. איך האָב אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג דערקלערט, אַז כדי איינצופירן סיסטעמאַטישע שול־לימודים מוז מען רעאָרגאַניזירן דעם אופן און סדר פון די לימודים. מ׳מוז איינשטעלן אַן אָרדענונג, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף דער קאָאָפּעראַציע און מיטאַרבעטערשאַפט פון די תּלמידים און די לערערס פון דער שול. מיר מוזן מיט געמיינזאַמע כוחות פאַרוואַנדלען די שול אין אַ קולטור־אינסטיטוציע, האָב איך פאַרענדיקט. דער עולם האָט פריינדלעך אויפגענומען מיין דערקלערונג און צוגעזאָגט זייער הילף. דער לערער דובאָווסקי (אומגעקומען בעת דעם היטלער־מבול אין עסטאָניע) האָט מיר די ערשטע צייט פיל אויסגעהאָלפן איינצושטעלן אָרדענונג. דער טומל אין די קאָרידאָרן בעת די לימודים האָט אויפגעהערט, די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן אין צייט, מ׳האָט רעגיסטרירט די תּלמידים אויף יעדער לעקציע. די קלאַסן זיינען געווען איבערגעפילט, אין די ייִנגערע גרופּעס האָט די צאָל דערגרייכט ביז פערציק. האָבן מיר איינגעשטעלט צוויי פּאַראַלעלע גרופּעס. דער לערער אידעלסאָן (אומגעקומען אין דער ווילנער געטאָ) האָט אָנגעפירט דעם לימוד פון אַריפמעטיק אין די עלטערע גרופּעס. ער האָט זיך כסדר געעצהט מיט די חברים וועגן אויסבעסערן די טערמינאָלאָגיע פון ברוך־צאָלן און געאָמעטריע און איז שטענדיק גרייט געווען אויסצוהעלפן די לערערס אין זייער אַרבעט. עס איז געלונגען צו דערהייבן דעם מצב פון דער שול בכלל

און, וויכטיקער ווי אַלץ, איינצושטעלן אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע באַציאונג פון דער מערהייט פון די תלמידים צו דער שול.

סוף ווינטער האָט זיך די שול אַריבערגעצויגן פון זאַוואַלנע אויף אַ נייער דירה אויף גרויס פּאָהוליאַנקע, און חוץ דעם האָבן מיר באַקומען פון מאָריס ווינטשעווסקי פון ניו־יאָרק ,געגנוג מיטלען איינצושאַפן נייע שול־בענק און מכשירים פאַר דער שול. מיר האָבן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די צוהערערס און לערערס צו פייערן דעם חנוכת־הבית. איך האָב ווידער זיך געווענדט צו די תלמידים און געבעטן זיי איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער שול, באַשיצן זי, ווי אַ קולטור־אינסטיטוציע. איך האָב דאָס ווידער אונטערגעשטראָכן, ווייל איך האָב לעצטנס באַמערקט, אַז ס׳דרייען זיך אַרום פּנים־חדשות אין די קאָרידאָרן, מ׳סודעט זיך . . . און ווידער האָב איך באַקומען פון דער מערהייט אַ פאַרזיכערונג אין זייער הילף.

אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין צימער אויף פּאָספּיעשקי. דאָס איז געווען דער ליבער קאָנטאָר פון דער אָוונט־שול. דערציילט ער מיר, אַז נעכטן שפּעט אין אָוונט האָט די פּוילישע דעפענסיווע געמאַכט אַן „אַביסק" אין שול, און האָט אַרויסגעפירט פון דאָרטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור און בראָשורן. מ׳האָט באַפוילן, אַז דער פאַרוואַלטער און די לערערס זאָלן זיך מעלדן אין דער דעפענסיווע.

ווען איך בין גאַנץ פרי צוגעקומען צום מויער אויף זאַוואַלנע, האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן אַלע לערערס. באַלד האָט מען אונדז אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק. דער הויפּט פון דער דעפענסיווע, גאָר אַ בייזער פּריץ, האָט מיט רוגזא געפרעגט, ווער איז דער פאַרוואַלטער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. „מיר ווייסן, האָט ער געזאָגט מיט כעס, אַז אין אייער שול ווערט געפירט קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע גאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם. והא ראיה — מיר האָבן פון דאָרטן אַרויסגעפירט פּעק מיט קאָמוניסטישע ליטעראַטור. איר

צוזאַמען מיט די לערערס זייט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. מיר וועלן אויסראָטן די קאָמוניסטישע נעסט.״

איך האָב דערקלערט, אַז סיי די לערערס, סיי דער פאַרוואַלטער געפינען זיך איצט אויף זומער־וואַקאַנצן. די שול איז געשלאָסן. איך גלייב, אַז אייך איז באַוואוסט, אַז סיי די מערהייט פון די צוהערערס, סיי די לערערס זיינען ווייט פון קאָמוניזם. מיר קענען ניט אונטערזוכן ביים אַריינגאַנג יעדן באַזוכער...

דער בייזער פריץ האָט זיך ווידער צעשריען, געסטראַשעט און געהייסן אונדז גיין...

פאַרן אָנפאַנג פונעם נייעם שול־יאָר האָבן מיר זיך ווידער באַ־ראָטן מיט די תלמידים, מיר האָבן געוואוסט, אַז מער ווי אַ דריטל איז קאָמוניסטיש געשטימט און געפינט זיך אונטערן איינפלוס פון אַ קליינער גרופּע אַקטיווע קאָמוניסטן...

און ווידער האָבן מיר באַקומען הבטחות פון דער מערהייט, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך איינצוהאַלטן די שול און זען, אַז דאָס זאָל זיך ניט איבערחזרן.

די אַרבעט אין שול האָט זיך איינגעשטעלט און האָט זיך צעוואַקסן. מיט אַן ערך דריי חדשים שפּעטער רופט מיך אַרויס דער לערער אידעלסאָן פון קלאַס, פירט מיך אַוועק צום זייטיקן צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסער אַלמער מיט ביכער און שול־מכשירים. דער אַלמער איז געווען אָפּגערוקט פון וואַנט און ס׳איז אין דעם חלל אַריינגערוקט געווען אַ גרויסער פּאַק. מיר האָבן אויפגעשניטן דעם פּאַק און געפונען דאָרטן קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן.

צומאָרגנס האָב איך פאַררופן אַ באַראַטונג פון די לערערס צוזאַמען מיט צוויי פאָרשטייערס פונעם צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט: פלו־דערמאַכער און אַנאַ ראָזענטאַל (אומגעקומען אין אַ באַלשעוויסטישער טורמע). די באַראַטונג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער באַכט. איך בין באַשטאַנען אויף מיין באַשלוס אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאַרוואַל־טונג פון דער אָוונט־שול.

אין ווילנע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ גאַנץ אינטענסיווע פאַרלע־גערישע טעטיקייט, וואָס ס׳איז טיילווייז סובסידירט געוואָרן פונעם צענטראַלן בילדונג־קאָמיטעט. ס׳איז באַנייט געוואָרן דאָס דערשיינען פון אַ קינדער־זשורנאַל, אַ פעדאַגאָגישן זשורנאַל, ס׳זיינען דערשינען זאַמלונגען פון אַריפמעטישע, געאָמעטרישע און אַלגעברישע אויפגאַבן. אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אויסגאַבע פון לערן־ און לייען־ביכער פאַר דער שול האָט גענומען דער פאַרשטאָרבענער שלמה באַסטאָמסקי.

יאָרן לאַנג האָב איך געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ סעריע געאָגראַ־פישע כרעסטאָמאַטיעס. אין ווילנע איז מיר געלונגען אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד: „פון נאָענט און ווייט״ — ליטע, פוילן, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. געהאָלפן מיר אין דער אַרבעט האָט דער לערער א. בולקין. ניט די פּאָליטישע אָנגעהעריקייט, נאָר די נאַציאָ־נאַל עטנישע באַזונדערקייט פון די לענדער, וואו ס׳האָבן געלעבט און געווירקט מקדמונים גרויסע יידישע קיבוצים...

אין דער זעלביקער צייט זיינען אין וואַרשע דערשינען צוויי בענדער זאָאָלאָגישע כרעסטאָמאַטיעס. געהאָלפן מיר אין דער אַרבעט האָט דער ווילנער לערער י. גיליגיטש (איצט אין אויסטראַליע).

איך פלעג אָפט באַזוכן דעם לערער א. י. גאָלדשמיד, וואָס האָט געוואוינט אין אַ זאַוואולעק ביי דער זאַוואַלנער גאַס. אַ קליינע אָרעמע דירה, וואו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן די שטענדיק פאַרחושכטע און פאַרדאגהטע פרוי און צוויי קינדער: אַ מיידל און אַ יינגל. קיין גרויסער בעל־פרנסה איז גאָלדשמיד ניט געווען. און די ווייב פלעגט כסדר מאָנען... מ׳דאַרף אַ קליידל פאַר דער טאָכטער, אַ פּאָר שיך פאַרן יינגל.

גאָלדשמיד איז געווען אַ ייד אַ למדן. שטענדיק פאַרמוחט, כסדר פאַרנומען מיט דאגות וועגן יידישן כלל, יידישע פּראָבלעמען. אַן ערך אַ האַלב יאָר איידער איך האָב פאַרלאָזן ווילנע האָט גאָלדשמיד פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן נעמען אַרבעטן אויף אַ מין כרעסטאָמאַטיע־אַנטאָלאָגיע פאַר דער מיטלשול, וואָס זאָל טיילווייז אַריינגעמען אויך

די נייע העברעאישע ליטעראַטור. שפּעטער האָט גאָלדשמיד צוגעצויגן צו דער אַרבעט זלמן רייזין. מיר פלעגן איין מאָל אַ וואָך זיך פאַר־זאַמלען ביי רייזינען אויף דער דירה, דורכקוקן און רעדאַגירן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. די אַרבעט האָט זיך צעוואַקסן גאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם. דאָס בוך האָט געזאָלט אַרויסגעבן דער צ. ב. ק. נאָר איידער מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן ווילנע. איך האָב זיך אַ געוויסע צייט דורכגעשריבן פון ניו־יאָרק מיט גאָלדשמידן. וואָס עס איז געוואָרן מיטן בוך ווייס איך ניט.

א. י. גאָלדשמיד איז צוזאַמען מיטן ווילנער ראש־הקהל, דעם דאָקטאָר וויגאָדסקי, אומגעקומען אין גרויסע יסורים אין ווילנער געטאָ.

— —

אויפן דריטן יאָר נאָך מיין אָנקומען קיין ווילנע האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון „סטאַראָסטע״, אַז ווי אַ בירגער פון סאָוועט־רוסלאַנד מוז איך פאַרלאָזן פוילן. מיט דער הילף פון צ. ב. ק. האָב איך איין מאָל אָפּגעשריען די „גזירה״. ווען מ׳האָט זיך צום צווייטן מאָל משתדל געווען האָט זיך באַקומען אַ קאַטעגאָרישער אָפּזאָג. דאָס וואָלט גע־הייסן אַרויסגעשיקט ווערן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צום גליק האָב איך גאַנץ שנעל באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע און נאָך פאַר דער אָנגעצייכנטער צייט פאַרלאָזן די פוילישע מדינה...

נאָכוואָרט

איך האָב אין מיינע זכרונות נאָכגעפאָלגט דעם לאַנגן לערערשן לעבן מיינעם באַזירט אויף מיין פערזענלעכער דערפאַרונג.

דאָס איז ניט די געשיכטע פון דער נייער יידישער שול.

איך בין ווייניק באַהאַונט אין דער שול־באַוועגונג אין אוקראַינע זינט דער גרינדונג פון דער דעמיעוקער שול און שפּעטער מיט דער פאַרצווייגטער שול־אַרבעט פון דער קיעווער קולטור־ליגע. די שול־באַוועגונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אין די צוואַנציקסטע און דרייסיקסטע יאָרן צעוואַקסן זיך גאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם, אַ ריזיקער שול־נעץ מיט איבער הונדערט און פופציק עלעמענטאַרע, מיטל־און טעכנישע שולן, לערער־סעמינאַרן. די שולן אין קרוין־פּוילן, גאַליציע און די ראַנד־געביטן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. די שולן אין קאָוונער ליטע. די שולן אין דער אויסגעטרוימטער „יידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק" פון בירא־בידזשאַן.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס באַגינען און דער וואוקס פון דער נייער יידישער שול זאָל זיך צונויפפאַלן מיט וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס און וויכטיקער פון אַלץ מיטן צעפאַלן זיך פון רוסישן יידנטום, וואָס האָט אַרומגעזאַמלט אַרום זיך איבער זיבן מיליאָן מזרח־אייראָפּעאישע יידן — דעם רוקנביין פון יידישן פאָלק.

לאָמיר מיט יראת־הכבוד דערמאָנען די נעמען פון די יידישע

לערערס, וואָס האָבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אַזוי פיל טיפן גלויבן און איבערגעגעבנהייט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער נייער יידישער שול, די אַלע, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש באַמיט זיך איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס פון דער יידישער שול, די פאַרשיקטע קיין קאַזאַקסטאַן און סיביר, די מאַרטירערס אין ווייטן בירא־בידזשאַן, די יידישע לערערס אין וואָלינער און פּאָדאָלער געגנטן, וואָס האָבן מוטיק באַקעמפט די ליקווידאַציע פון די שולן ביזן 1937 יאָר.

און ועל כולם, לאָמיר געדענקען און בייגן אונדזער קאָפּ פאַר די קדושים־לערערס, וואָס האָבן אין די געטאָס אין ליטע און פּוילן זיך ניט געוואָקלט, ניט פאַרלאָזן די יידישע קינדער אין די יתומים־הייזער, סאַנאַטאָריומס, און פרייוויליק אַוועק צוזאַמען מיט זיי אין די גאַז־קאַמערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ האַרציקן דאַנק ג. כּאַנינען, דעם דירעקטאָר פון בילדונג־אָפּטיילונג פון אַרבעטער־רינג, און ה. נאָוואַקן פאַר זייער הילף און דערמוטיקונג אַרויסצוגעבן דאָס בוך.